בס"ד / שנה ו' / פרשת ואתחנן / נומער 322



# שידוכים רעוואלוציע חמשה עשר באב

אין די יעצטיגע טעג טוט זיך א רעוואלוציע מיט די "שידוכים סגולה" פון מוהרא"ש זי"ע | איז דאס נאר ספעציעל פאר די תלמידי הישיבה | וויאזוי ארבעט די סגולה. לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב.

20

וויאזוי איז סענאטאר לינדזי גרעהעם געשטארבן?
וועלטליכע נייעס

פרייליכע אקטעוויטעטן אין מחנה להודות
זומער נייעס

קירוב רחוקים אויפן ריכטיגן וועג
אהרן קליטניק

ביים גיסן בליי ווערט ער א שוואכלינג
משה ארי' שניצלער

**בס"ד**

ואתחנן - נחמו תשפ"ו

**נומער** 322
שנה ו'

| | |
|---|---|
| 04 | עידנו |
| 08 | שטעטל נייעס |
| 10 | אלץ און אלעמען |
| 11 | מעשה פון תפילות |
| 14 | וועלטליכע נייעס |
| 18 | א ווארט צווי |
| 20 | א בריוו פון ר"י |
| 22 | מעשה פון א צדיק |
| 24 | געדאנקען |
| 30 | א בליק אויף צוריק |
| 31 | געשעענישן |
| 35 | בילדער |

















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

לעצטע געלעגנהייט

# זכות מהדורה

| | |
|---|---|
| $10,000 | **מהדורת מרדכי יעקב** לע"נ ר' מרדכי יעקב ב"ר ישעי' |

# זכות פרק $1000

| | | | |
|---|---|---|---|
| מו"ה **אשר יעקב בלום** הי"ו | לע"נ **אברהם חיים אלתר ב"ר ידידיה** | מו"ה **אברהם יושע וועבערמאן** הי"ו | מו"ה **אפרים פעלדמאן** הי"ו |
| מו"ה **שלמה זאב בריסק** הי"ו | מו"ה **יואל לעווי** הי"ו | לע"נ **ר' צבי הירש ב"ר בנימין אייזיק** | מו"ה **יושע ראבינאוויטש** הי"ו |
| מו"ה **יצחק מרדכי דים** הי"ו | מו"ה **משה מאסרי** הי"ו | מו"ה **יהודה זאב וייל** הי"ו | מו"ה **חיים שלמה קויפמאן** הי"ו |
| מו"ה **יוסף הכהן פריעדמאן** הי"ו | מו"ה **עלי מזרחי** הי"ו | מו"ה **הרוצה בעילום שמו** הי"ו | מו"ה **שלמה לעבאוויטש** הי"ו |
| מו"ה **משה ישראל האמער** הי"ו | מו"ה **שמואל אליעזר פערל** הי"ו | מו"ה **דניאל גאלדשטיין** הי"ו | מו"ה **אליעזר שמן** הי"ו |
| מו"ה **מרדכי הלוי היימליך** הי"ו | מו"ה **משה ראזענבערג** הי"ו | מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו | מו"ה **שמואל מרדכי שטערן** הי"ו |
| מו"ה **הרוצה בעילום שמו** הי"ו | מו"ה **יהודה אריה ראטה** הי"ו | מו"ה **משה עקשטיין** הי"ו | |
| מו"ה **שלום יצחק מאסרי** הי"ו | מו"ה **שמעיה וואקס** הי"ו | מו"ה **נחמיי דייטש** הי"ו | |

**חלק ד'**

**זכות פרק**
**$1,000**

**זכות**
**$500**

פארבינדט אייך 347.
היינט מיטן גבאי 578.
מו"ה לייבי ראטה הי"ו 4449



קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

*sruliHeskel

# אידענו

## שטעטל קאר סערוויס

ברוך השם, די קהילה קאר סערוויס פאר די חשובע איינוואוינער גייט שוין אן צום גוטן פאר כמעט א יאר צייט.

דאס איז צושטאנד געקומען נאכדעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן די הנהלה אז זיי זאלן זיך ארייגלייגן צו טרעפן א וועג וויאזוי צו פארגרינגערן פאר די חשובע פרויען, זיי זאלן נישט דארפן בלייבן פארשפארט אינדערהיים; בפרט אין א שטעטל וואו געוויסע פלעצער זענען נישט אזוי נאנט און ס'איז נישט גרינג צו קומען און גיין.

אנהייב האט מען פרובירט צוזושטעלן א שאטל, אבער שפעטער איז געקומען די החלטה אז ס'וועט זיין בעסער צוצושטעלן א קאר סערוויס, וואו די קהילה צאלט צען דאלאר פון די נסיעה און דער פאסאזשיר צאלט די איבעריגע צען דאלאר. דאס מאכט עס פיל גרינגער פארן עולם צו קומען און גיין פאר א ביליגן פרייז.

מיר ווילן אבער קלארשטעלן אז די סערוויס איז בלויז פאר די וואס וואוינען אינעם שטעטל א גאנץ יאר.

עס מאכט זיך יעצט אין די זומער טעג אז עס קומען ארויס געסט וואס וואוינען נישט דא שטענדיג, אדער אזעלכע וואס קומען נאר פאר עטליכע טעג, און זיי ווילן זיך אויך באניצן מיט די קאר סערוויס. עס ווערט אביסל נישט אנגענעם ווען מען דארף פון זיי בעטן די פולע צוואנציג דאלאר פאר א טריפ בשעת אנדערע צאלן ווייניגער.

דעריבער ווילן מיר קלארשטעלן אז די סערוויס איז דוקא פאר די וואס וואוינען אינעם שטעטל א גאנץ יאר.

מיט דעם ווילן מיר נאכאמאל דערמאנענן, אז אויב א מאן באשטעלט די קאר סערוויס, זאל ער דוקא בעטן א מאן דרייווער, היות עס זענען דא ספעציעלע פרויען דרייווערס וואס זענען צוגעשטעלט פאר פרויען, איז נישט געשמאק ווען א מאן באשטעלט א קאר און עס קומט אן א פרוי דרייווער; מען דארף דאס קלארשטעלן פארן דיספעטשער בשעת'ן באשטעלן די קאר.

די נומער צו רופן די קאר סערוויס איז 845-907-1819.

עס איז דאס בעסטע צו שיקן א טעקסט מעסעדזש מיט'ן נאמען, פון וואו און ביז וואו מען דארף פארן, און די טעלעפאן נומער.

אויב איר האט א ספעציעלע בקשה, ווי למשל פאר מערערע פאסאזשירן אדער א קאר-סיט, דארף מען דאס אויך קלאר בעטן פון פאראויס.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל ווייטער זיין מיט הצלחה און סייעתא דשמיא..

**פרשת ואתחנן-נחמו**
**י"א אב**

**הדלקת הנרות .. 08:06**
**מוצאי שבת ...... 09:36**

**מנחה**
**מעריב**
**פרשת עקב**
**09:15**

**במנין לשבת קודש**

נייעס'לעך

# עירוב איז גרעסער געווארן

מיר ווילן מעלדן גאר פרייליכע נייעס אז אין די טעג האט מען פארברייטערט די שטעטל עירוב ביז נאך די שטוב פון מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו אויף איסט מאנגאפ, און אראפ צו מאנגאפ ראוד נאכן שטוב פון מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו, נאכדעם וואס זיי האבן זיך זייער געמוטשעט יעדן שבת אן א עירוב.



איך טו צו
די זאך



איך קום צום רבי'ן
מיט פולע טאשן איך
בין עוסק אין:

איך העלף דעם
רבינ'ס זאך

*sruliHeskel

# דעם
# רבינס
# זאַך

# שטעטל נייעס

**גרשון קרעמער**




## מחנה להודות
### וואו די קינדער שטייגן און לעבן מיט אמונה

עס טוט זיך לעבעדיג אין "מחנה להודות", וואו די פראגראמען גייען אן מיט'ן פולן שוואונג אונטער די פירערשאפט פון מו"ה יודל איינהארן שליט"א, דער ראש המדריכים, אינאיינעם מיט די געטרייע מדריכים כל אחד בשמו הטוב יבורך. מיט אזא סטעפ זענען די אקטיוויטעטן נישט סתם ליידיג פון אינהאלט, נאר עס איז א לעבעדיגער שיעור וואס פלאנצט אריין אמונה און מידות טובות אויף א געשמאקן און זיסן אופן.

כדי אריינצוברענגען די עצה ביי די קינדער אויף א געשמאקן אופן, האט מען אויסגענוצט א פראבלעם וואס האט זיך געמאכט אין קעמפ און מען האט דערפון געמאכט א שפאנענדע "קאלארוואר ברעיקאוט".

דעם פארגאנגענעם שבעה עשר בתמוז האט זיך די עלעקטריק אפגעהאקט אן קיין שום פריערדיגע מעלדונג אינמיטן דאוונען מנחה אין "קעמפ אילן החיים / מחנה להודות". אנשטאט צו ווערן פארלוירן, האט מען אויסגענוצט די צרה און עס פארוואנדלט אין א געשמאקע איבערלעבעניש פאר די קינדער.

מען האט אויסגערופן פאר די קינדער אז אן אינספעקטאר פון די עלעקטריק פירמע איז אויפ'ן וועג אפצושפארן די עלעקטריציטעט פונעם גרויסן לאנטש-רום היכל אברהם הערש. מו"ה ישעי' איידליס הי"ו, דער געטרייער מענעדזשער, האט שטארק צוגעהאלפן און מיטגעשפילט; די קינדער האבן געהאלפן באדעקן די פענסטער מיט שווארצע גארבעדזש בעגס, דער מענעדזשער האט ארויפגעלייגט שלעסער אויף די טירן, און מיט די הילף פון די קינדער האט מען ארויסגעטראגן אלע טישן און עסצייג צום קליינעם שול.

א גוי'אישער ארבעטער, אנגעטון מיט א קאנסטראקשן היטל און א קליפ-בארד אין די האנט, איז אנגעקומען זאגנדיג אז ער קומט מטעם די עלעקטריק פירמע זוכן דעם לאנטש-רום. די קינדער זענען געשטאנען און זיך געמאכט כאילו זיי פארשטייען נישט קיין ענגליש, פרובירנדיג צו באהאלטן דעם "סוד".

פלוצלינג האט דער "אינספעקטאר" ארויסגענומען א גרויסן צעטל, א "בלו-פרינט" פונעם קעמפ, זוכנדיג דערויף דעם לאנטש-רום; ער דרייט איבער דעם צעטל און עס אנטפלעקט זיך א ריזיגע סיין וואס האט געמאלדן די גרויסע ברעיקאוט פאר די קינדער: צוויי טימס, "להודות" און "להלל", ארום וועלכע דער קעמפ וועט לויפן במשך די זומער וואכן.

פארגאנגענע וואך האט מען אויפגעשפילט א סקיט פאר די קינדער פון כיתה ח', וואו מען האט אראפגעלייגט די מסירות נפש פון הייליגן רבי נתן ביים דרוקן דעם רבינ'ס ספרים; ווי ער האט אויפגעשטעלט א בית הדפוס אין זיין דירה און ווי די מתנגדים האבן אים גע'מסר'ט, אבער ער האט זיך נישט דערשראקן. דאס האט געדינט אלס אן אריינפיר צו א געלט-קאמפיין, וואו די קינדער וועלן שאפן געלט צו קויפן א נייע לעמינעיטינג מאשין פארן בית הדפוס. די קינדער האבן טאקע צוזאמגעקליבן גאר שיינע סכומים מיט אן אומגלויבליכן ברען, כדי צו קענען האבן א חלק אין דרוקן די הייליגע ספרים.

אזוי לעבן די קינדער גליקליך און צופרידן, און לערנען זיך אויס די זיסע עצות פון רבי'ן, וואס וועט זיי באגלייטן זייער גאנצע לעבן.

בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן א הערצליכן

# ברכת מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר וואס שטייט אייביג צו
דער רעכטע האנט פונעם בית התבשיל ראש
וראשון לכל דבר שבקדושה,

מו"ה
## אברהם שבתי מזרחי
הי"ו

**וזוגתו תחי'**

לרגל שמחת אירוסי בתו
**הכלה תחי'**
עב"ג
הבה"ח המופלג בתורה ויראת שמים
**חיים שלמה קויפמאן נ"ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען
אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע
קינדער געזונטערהייט!

וואונטשט,

*sruliHeskel

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

alemen@bletelmagazine.com – 845-445-7447




## נדרים און נזירות היינטיגע צייטן

**שאלה**

אפשר קענט איר מיר זאגן: א. וואס איז די אפטייטש פון דאס וואס חז"ל זאגן: "נדרים סייג לפרישות"? ב. איז שייך נדרים און נזירות אין אונזערע צייטן?
משה ריבקין.

**ענטפער**

די ערשטע שאלה, איבער דעם פשט פון "נדרים סייג לפרישות", געהערט נישט צו מיר. חז"ל זאגן אין מסכת אבות (פרק ו, משנה ו): "התורה נקנית בארבעים ושמונה דברים." דאס זענען די יסודות כדי צו קענען קונה זיין די תורה. מען קען זיך אפשטעלן אויף יעדן איינעם פון זיי, צווישן זיי טרעפט מען "שמחה", "אמונת חכמים", און אויך "המכיר את מקומו". דא אין אונזער רובריק קענען מיר פרובירן צו טרעפן שיינע זאכן וואס מיר קענען ארויסנעמען פון צווישן די שורות. איר ווילט מן הסתם נישט הערן פון מיר פשוט'ן עברי-טייטש; איך גלייב אז איר האט שוין אריינגעקוקט אין די פירושים, אבער עפעס איז אייך נאך אלץ שווער, דאס וועל איך איבערלאזן פאר די כולל אינגעלייט.

דאס וואס איר פרעגט צי עס זענען שייך היינטיגע צייטן נדרים, חרמים און נזירות - איז דער ענטפער: זיכער איז דאס דא.

עס מאכט זיך זייער אפט אז א מענטש איז ביי זיך ממש זיכער און שווערט זיך אז ער איז א דורכפאל. מען שפירט זיך ווי אין א חרם, ווי א נזיר - קיינער דארף מיר נישט, קיינער קוקט נישט אויף מיר, און עס איז נישטא קיין וועג צוריק.

אפשר פארדעם איז דער מנהג ביי אידן יעדן ערב ראש השנה, ווען מיר געפינען זיך ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן, זאגט מען דעם גאנצן נוסח פון "התרת נדרים". כדי צו קענען תשובה טון דארף מען זיך מתיר נדר זיין פון די אלע מאל וואס איך שווער ביי זיך אז איך האב שוין נישט קיין האפענונג און קיינער קען מיך נישט העלפן. דא ביים הייליגן רבי'ן איז דא די רפואה פאר דעם; די אלע שווארצע נבואות וואס יעדער האט געזאגט אויף מיר, אז פון מיר וועט שוין גארנישט זיין און איך וועל קיינמאל נישט מצליח זיין, אלעס איז גארנישט, פונקט ווי שטויב.

די זעלבע זאך איז ווען עס קומט דער יום הקדוש ביי כל נדרי, די הייליגסטע נאכט פונעם יאר. דער אייבערשטער איז מוחל אלע עבירות, אבער מען דארף נאר תשובה טון. תשובה איז נישט קיין בער; מען דארף בלויז זאגן "אשמנו, בגדנו", מען דארף פארציילן פארן באשעפער וואס מען האט געטון, און זאגן פארן באשעפער: "איך גיי שוין זיין גוט".

דאס קען אויך זיין די סיבה פארוואס מען האט איינגעפירט א מנהג ביי כלל ישראל אז דער בעל תפילה הייבט אן די ערשטע זאך מיט "כל נדרי"; ער נעמט צוויי דיינים נעבן זיך און רופט אויס אז אלע נדרים און אלע חרמות זענען בטל ומבוטל. דו קענסט אנהייבן פונדאסניי, דער אייבערשטער דארף דיר יא, דו דארפסט בלויז עפענען דיין מויל. מיט אמונת חכמים קען יעדער ארויסגיין פון די אלע חרמות און נזירות.

# מעשיות פון תפילה



**רפאל פורסט** | קרית ברסלב

איך האב נישט געקענט פעסן די אינספעקשאן אויף מיין קאר. איך האב שוין פרובירט אלע סארט זאכן; יעדער מעקעניק האט מיר געזאגט עפעס אנדערש - "דו דארפסט טון דאס, דו דארפסט טון יענץ".

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, העלף מיר! איך כאפ שוין טיקעטס רעכטס און לינקס, און איך קען בשום אופן נישט פעסן קיין אינספעקשאן צוליב דעם וואס די ענדזשין לייט קומט אלץ ארויף ווי כאילו די קאר האט געוויסע פראבלעמען, וואס באמת איז די קאר גוט".

למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן, אז איין טאג האב איך געזען אז די "ענדזשין לייט" איז אויסגעלאשן, וואס דאס מיינט אז עס ווייזט נישט קיין שום פראבלעמען אויפן סקרין. איך האב גאר שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך קענען פעסן די אינספעקשאן, ווילאנג די ענדזשין לייט איז נאך אויסגעלאשן.

איך בין ארומגעלאפן צו עטליכע מעקעניקס, און יעדער איינער האט מיר געזאגט אן אנדערע תירוץ; איינער האט נישט געהאט קיין סטיקערס, דער צווייטער האט נישט געהאט קיין קאמפיוטער, א דריטער האט מיר געהייסן צוריקקומען שפעטער, און נאך איינער האט מיר געזאגט דיינע רעדלעך זענען נישט די בעסטע, דו קענסט נישט פעסן די אינספעקשאן.

האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, איך מוז עס היינט מסדר זיין, ווייל איך ווייס דאך נישט ווי לאנג די לייט גייט נאך זיין אויסגעלאשן".

למעשה האט מיר ר' יצחק, אונזער געטרייער מעקעניק דא אין שטעטל, געגעבן אן עצה: אז זאל ברענגען נאך א קאר וואס איז פונקט ווי מיינס מיט גוטע רעדלעך, און ער וועט ארויפלייגן יענעמ'ס רעדלעך אויף מיין קאר כדי איך זאל קענען פעסן די אינספעקשאן, און דערנאך וועל איך צוריקקומען עס איבערצוטוישן.

איך האב טאקע געטראפן מיין טייערן חבר, דער מלמד ר' שלום שניצלער, וואס האט די זעלבע סארט קאר ווי מיר. ער האט מיר גלייך געגעבן זיין שליסל בשעת ער איז געזעסן אין חדר מיט די קינדער. מיר האבן געסוויטשט די רעדלעך, און איך בין געלאפן צום מעקעניק וואס האט מיר ענדליך געפעסט די אינספעקשאן.

און ווי נאר איך זעץ מיך אריין אין מיין קאר נאך די אינספעקשאן כדי צוריקצוטראגן די קאר פאר ר' שלום'ן, איך צינד אן דעם קאר, - און די "טשעק ענדזשין" לייט איז צוריק דא...

דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז איך זאל קענען האבן די פאר שעה אן די 'ענדזשין לייט', כדי איך זאל קענען פעסן די אינספעקשאן.

**זלמן וויזל** | ארץ ישראל

איין נאכט האב איך פארלוירן עטליכע הונדערט שקל, און איך האב נישט געהאט קיין אנונונג וואו איך זאל עס אנהייבן צו זוכן.

איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה אין בלעטל, און איך האב געגעבן צדקה פאר צדקת רבי מאיר בעל הנס - מוסדות היכל הקודש בארץ ישראל.

איך האב געפרעגט א שכן מיינער וואס האט געדאווענט מיט מיר מעריב אין די שטיבלעך אויב ער ווייסט אפשר וואו דאס קען ליגן, זאגט ער מיר אז פונקט נאך מעריב האט איינער אויסגערופן ווער עס האט עפעס פארלוירן, נאר איך בין שוין דעמאלטס נישט דארט געווען. איך האב גלייך געקלונגען דעם גבאי פון שול און ער האט מיר געזאגט וואו יענער איד וואוינט.

איך בין ארויף צו אים אהיים אין שטוב עס נעמען. שכח אייבערשטער איך האב צוריקבאקומען מיין אבידה.

# וועלטעלע



## סענאטאר לינדזי גרעהעם געשטארבן אין עלטער פון 71 יאר

סענאטאר לינדזי גרעהעם, וועלכער איז געווען באקאנט אלס א שטארקער אידן-פריינט, איז געשטארבן אין עלטער פון 71 יאר נאכ'ן ליידן פון א פאטאלע הארץ-אטאקע ל"ע אין זיין שטוב.

גרעהעם האט געדינט אין זיין אמט זינט דעם יאר תשס"ג, ווען ער איז ערוויילט געווארן אלס רעפובליקאנער סענאטאר פון סאוט קאראליינע, און זינט דאן איז ער געווען שטארק באקאנט מיט זיינע גוטע באציאונגען מיט אידישע עסקנים.

צווישן אנדערע האט ער אסאך ארויסגעהאלפן די "צדק" ארגאניזאציע וואס געבט זיך אפ מיט שתדלנות אויף פארשידענע פראנטן אין ענינים וואס זענען נוגע דאס יהדות החרדית, און איבערהויפט מיט פדיון שבויים.

זיין פלוצלינגדיגע הארץ-אטאקע האט פאסירט בלויז איין טאג נאכדעם וואס ער האט זיך צוריקגעקערט פון א באזוך אין אוקראינע, וואס ער האט אויסגענוצט צו שטופען א שטארקע פרא-אוקראינע אגענדע.

די פאסירונג האט געהויבן ברעמען ביי אסאך מענטשן און האט געברענגט פארשידענע שפעקולאציעס און קאנספיראציעס, צי עס איז נישט אפשר א נקמה פון רוסלאנד אדער איראן קעגן דעם פאליטיקאנט, וועלכער האט זיך שטענדיג שטארק ארויסגעשטעלט אויף די זייט פון אוקראינע קעגן רוסלאנד און אויף די זייט פון מדינת ישראל קעגן איראן.

ווען מיר הערן אַזעלכע נייעס, דערמאַנט עס אונז א וויכטיגע נקודה. דער סענאַטאָר האט געהאט גאר אסאך מאַכט; זייענדיג אזויפיל יאר אין פאליטיק, האט ער אנגעפירט פארשידענע גאר וויכטיגע קאמיטעען אינעם סענאט. ער האט נאך נעכטן געזאגט זיין אומצווייפלהאפטיגע מיינונג וויאזוי ער האלט אז די וועלט דארף זיך פירן אין די קומענדיגע יארן, נישט וויסנדיג אז מארגן וועט ער אליינס שוין נישט דא זיין.

דאס דערמאַנט אונז אז מיר זאלן אויך טראכטן אביסל פאראויס. עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז טראכטן פונעם יום המיתה דארף ברענגען מרה שחורה, אבער דער רבי לערנט אונז א וועג אז טראכטן פון עלמא דאתי ברענגט גאר א שמחה; עס ברענגט אז דער מענטש זאל בעסער אויסנוצן די פאר יאר וואס ער האט אויף דער וועלט, און זיך אזוי ארום איינפאקן צידה לדרך פון וואס ער וועט קענען געניסן לעד ולנצח נצחים.

דער רבי לערנט אונז אויס אז מען קען ווייטער אנגיין מיט'ן לעבן: עס, שלאף, גיי ארבעטן, אבער אינצווישן כאַפּ אריין אַ קאַפּיטל תהלים, געב א שמייכל פאר א איד, רעד מיט א חבר פון אמונה, און הער אויס דיין ווייב און קינדער.

**היום לעשותם ומחר לקבל שכרם**

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

**גרשון קרעמער**




## סטעיט הייבט אן גרויסן פּראָיעקט צו פארבעסערן "רוט 17"

אין די יעצטיגע טעג הערט מען אז מען פלאנט צו פאבעסערן די באקאנטע הייוועי רוט 17 וואס טראגט אויף זיך א געשאצטע צוואנציג טויזנט קארס טעגליך דורכאויס די פארנומענע זומער וואכן.

צווישן די זאכן וואס וועלן פארבעסערט ווערן, איז דאס איבערפלאסטערן דעם ראוד, לייגן נייע קאנקריט דזשוינטס, אינסטאלירן נייע גייד-רעילס, זיכערהייט סיינס, און "ראמבל סטריפס". אזוי אויך וועלן איבערגעמאכט ווערן די רעמפּס ביי די עקזיטס 98, 99, 100, 100A, און שארט עוועניו.

די ארבעט ווערט געשאצט צו נעמען צוויי קאנסטראקשען סעזאנען, און מען האפט עס צו ענדיגן אינעם ווינטער פון יאר 2027 למספרם. די סטעיט האט געמאלדן אז זיי וועלן זיכער מאכן צו האלטן כאטש איין ליניע אפן בשעת די ארבעט, אבער מאטאריסטן דארפן זיך רישן אויף צייטווייליגע טראפיק שווועריקייטן אויפן הייוועי און ביי די רעמפּס.

דאס איז געוואלדיגע נייעס פאר די איינוואוינער פון שטעטל, אז די רעגירונג נעמט זיך ענדליך פאררעכטן דעם גרויסן הייוועי. אבער בשעת מען פלאסטערט די ראודס, דארפן מיר זיך אפשטעלן און דאנקען דעם אייבערשטן אז ער האט אונז געגעבן אזא שיינע גלאטע ראוד צום גיין אינעם טעגליכן לעבן.

דער סמ"ך מ"ם וויל אונז איינרעדן אז פארן אויף א צוהאקטן וועג מיט לעכער און באמפּס איז עפעס א סארט פרומקייט. ער וויל מען זאל מיינען אז דער אייבערשטער וויל א מענטש זאל גיין צושלאמפּערט און שמוציג, זיך נישט וואשן, און ליגן אין מרה שחורה. דער רבי קומט אונז אבער לערנען אז דאס איז בלויז א מעשה יצר צו טראכטן אזוי.

חז"ל זאגן "משנכנס אב ממעטין בשמחה", און אזוי אויך "משנכנס אדר מרבין בשמחה". שטעלט זיך די שאלה: פארוואס זענען דא גאנצע בלעטער אין שולחן ערוך און אין די פוסקים מיט הלכות איבער די דיני אבילות פון חודש אב, אבער עס זענען נישטא קיין הלכות איבער וויאזוי מקיים צו זיין די דיני שמחה אין חודש אדר?

ווייל שמחה דארף מען פראקטיצירן מיט יעדע מעגליכע מיטל וואס מ'קען נאר. דער רבי זאגט אז מען דארף זיך פרייליך מאכן אויף סיי וועלכן אופן עס לאזט זיך, ווייל וואס מער שמחה אלס בעסער. ווידער דיני אבילות, דאס איז ווי א "קאנטראלד מעדיקעישאן"; מען טאר נישט נעמען דערפון וויפיל מען וויל אדער וויאזוי מ'וויל, נאר מען מוז האבן קלארע, פונקטליכע גיידליינס.

דער רבי זאגט אונז אז עס איז אסאך גרינגער ארייגצופאלן אין א מרה שחורה דורך עצבות, ווי איידער אנצוקומען צו הוללות דורך צופיל שמחה. לאמיר זיך צוהערן צום הייליגן רבי'ן וואס ווייזט אונז אזא שיינעם, גלאטן, און געשמאקן וועג: מען קען, און מען מוז, דינען דעם באשעפער מיט שמחה!

# א ווארט צווייל

שיקט אריין אייער ווארט צווייל צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

**בילד פון די וואך**

## ש"ס פאר די בר מצוה




דעקאראציעס געטראפן געווארן אויפן ווייט-באורד אין עלטסטע כתה אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש, ווען הב' אליעזר ראטה נ"י האט מסיים געווען ש"ס לכבוד די בר מצוה, ווי מוהרא"ש ז"ל פלעגט זיך בארימען מיט די קינדער פון היכל הקודש אז זיין גייען צו די בר מצוה מיט א סיום הש"ס

**גוטזאגער**

## "יענער איז אפשר נישט ווערד דאס גוט ווארט, אבער דאס ווארט ווערט אים שוין מאכן זיין ווערד."

## איך וויל נאר לערנען

**"ס'זענען דא מענטשן וואס לערנען ווייל זיי מוזן לערנען, און זיי נעמען א משניות און שפייען ארויס די ווערטער צווישן די ציינער.**

**דערנאך זענען דא מענטשן וואס לערנען פשוט ווייל זיי האבן הנאה צו לערנען."**

**ראש ישיבה שליט"א** דעם שבת אינדערפרי, ווי ר' שמואל אייכנשטיין געבט איבער זיין היכפונקט פונעם שבת

## אנ"ש

**"ברוך השם, מיטן רבינ'ס עצות איז אלעס ברוך השם. אז דער אייבערשטער העלפט איז אלעס לעכטיג."**

גבאי **ר' שבתי מארקוס** ווערט אינספירירט פון א חיזוק'פולע טעקסט מעסעדזש ווי א פשוט'ער תלמיד היכל הקודש דרוקט זיך אויס מיט העכסט פאזיטיווע לשונות אין א גרינעם מיטוואך

זאצן וואס פארדינען שטרעכלער

**בערל שניצלער**

## לשובע

על דא ועל דארט

שטייענדיג אין די ימי הקיץ, ווען די סטאקס פון די כשר'ע סקיני שאטן הייבן זיך טעגליך, צוליב די פלוס פון מערערע מסיבות וואס די קאנטרי'ס ברענגען מיט זיך, צווישן זיי פארשידענע סיומים אויכעט.

האב איך פונקט די וואך געהערט א שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א פון טעליכע יאר צוריק, ארומרעדנדיג פון די חתונות אין היכל הקודש, חתונה מאכן פשוט אן שפענדן געלט פאר די מיסט, ווי דער ראש ישיבה זאגט: "אויב אויף די מינוט האט מען פונקט נישט קיין קינדער אין די יארן צו חתונה מאכן, קען מען שוין היינט מאכן א הכנסת ספר תורה, אדער א סיום גאר, און מיט דעם אריינכאפן דעם פריינטליכע מזל טוב פון די חברים ווען זיי לאכן פון דיר אונטער דיין רוקן."

קען מען ארייננטייטשן "יש לו מנה רוצה מאתיים", מאתיים איז א לשון פון מסיים זיין, יש לו מנה רוצה מסיים...

און אויסלאזן קען מען נישט דעם "טייער" ווארט וואס מיר האבן געהערט דעם שבת פונעם ראש ישיבה שליט"א ביים באטע, ארומרעדנדיג איבער דעם וואס אידישע קינדער ספענדן נעבעך אזוי פיל געלט אין די קאנטריס, צוליב דעם וואס זיי מוזן האבן אלעס וואס דער שכן האט נאר, האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדריקט דערויף: "אידישע קינדער זענען טייער" (דאס לעבן קאסט אזוי טייער צוליב יענעם)...

## כח הצדיק

פארלאפענע וואך האסטו אריינגעלייגט איינעם "בילד פון די וואך" קעסטל ווי דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך משתטח אויפן ציון הק' פון ר' שלמה באבוב'ער זצ"ל, אבער האסטו אפילו נישט געהערט די געשיכטע אונטער דעם.

איינעם טאג פונעם בילד האט א פארפאלק זיך מזכיר געווען ביים ראש ישיבה פאר א שידוך פאר זייער טאכטער, דער ראש ישיבה איז שפעטער אין טאג געווען ביים ציון האט ער זיי דארט מזכיר געווען, ווען מיטאמאל אויפן ארט איז פארן ראש ישיבה אריינגעקומען א געדאנק פון א שידוך פאר זייער טאכטער, א חשוב געראטן בחור. מיין זון. דער ראש ישיבה האט עס אנגעטראגן און בשעה טובה מצלחת איז מיין זון א חתן געווארן מיט אט דעם אויבנדערמאנטן שידוך למזל טוב.

והפלא, אז דער טאג ווען מ'האט ענדליך געשלאסן דעם שידוך איז געווען בעצם יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק מ'באבוב. זכותו יגן עלינו.

**הרב יואל לעווי שליט"א** אין א שמועס מיט די שרייבער פון די שורות

פריירדיגע

## "דאס דארף זיין אונזער גרעסטע שמחה, אז מיר האבן דעם אייבערשטן וואס איז מיט אונז און טרייסט אונז."

- מוהרא"ש זי"ע, מובא בעצתו אמונה ערב שבת נחמו תשע"ח

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט:

## דו ארבעטסט נאר פארן אייבערשטן

"רעד צו די קינדער אין קלאס פון קדושה, אפילו מ'זאגט דיר אז מ'רעדט נישט פון די זאכן, דו ארבעטסט נאר פארן אייבערשטן, נישט פאר קיין מענטשן, דאס איז וואס מ'זאגט יעדן טאג ביים דאווענען 'ברוך שלא עשני עבד' איך בין א קנעכט נאר פארן אייבערשטן."

- זוהר שיעור שבת דברים



# פְּשָׁרָה'לָאך

**א י ן**

***קורצן פון פריער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*פייערט פאר קדושת שבת. מאכט חתונה די קינדער צו ערליכע מענער.*

*שטעלט אויף גרויסע תלמידים.*

*רבי יעקב יוסף גייט צום רב הרב סקינדער, פרעגן איבער א שאלה אויף פיפיקלעך, ער האט נישט פארציילט פארן דיין, אז עס קען זיין גאר א גרויסן שאדן.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

דער טאטע האט ארויסגענומען די שאלה און געזאגט פארן רב: "מיין פרוי האט נארוואס כשר געמאכט אן עוף, און עס האט זיך געמאכט א שאלה אויף פיפיקל."

איך האב געקוקט אויפן טאטן אינגאנצן שאקירט. פארוואס דערציילט ער נישט אז דא איז דא א שאלה פון פיר און צוואנציג הינער?

אבער

מיין טאטע האט מיר געוויזן מיט א שטרענגן בליק איך זאל זיין שטיל. איך האב געקוקט אויפן טאטן; ער איז דארט געשטאנען ווי א סאלדאט פארן קעניג, גרייט אויסצופירן די באפעלן פונעם מלך.

דאס איז געווען מיין טאטע. ער האט קיינמאל נישט געזוכט קיין היתרים, נאר געוואלט לכתחילה.

איך בין געשטאנען און געווארט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם צו זען וואס עס וועט פאסירן. הרב סקינדער האט עס באטראכט און געזאגט: "כשר, כשר..."

דאן האט זיך דער טאטע אנגערופן: "רבי, אויב וואלט דאס פיפיקל געווען טריפה, וואלט איך געדארפט ארויסווארפן פיר און צוואנציג הינער. מיין פרוי ווייסט נישט פון וועלכן האן דאס פיפיקל קומט."

"אבער..." האט דער רב געזאגט, "פארוואס האט איר מיר דאס נישט געזאגט? ווען עס איז א גרויסער הפסד איז עס אן אנדערע מעשה."

"איך זוך נישט קיין היתרים," האט דער

ט א ט ע

שארף געענטפערט.

מיט איין אטעם בין איך אהיימגעלאפן. איך האב געשפירט ווי א פויגל, לייכט ווי א פעדער. נאך ארויפלויפנדיג די שטיגן האב איך געשריגן: "מאמע, מאמע, עס איז כשר!!"

מיין מאמע האט מיר געהערט און איז געקומען צו לויפן. "עס איז הונדערט פראצענט כשר, מאמע!" האב איך ווידער געזאגט.

מיין מאמע האט אויסגעבראכן אין א געוויין פון פארלייכטערונג.

## זיין עבודת התפילה

ביי רבי יעקב יוסף איז דאווענען מיט א מנין געגאנגען ביז מסירת נפש; עס איז ביי אים נישט געווען אזא זאך ווי נישט צו דאווענען אלע דריי תפילות מיט א מנין.

איין מאל איז רבי יעקב יוסף געלעגן אין בעט מיט 103 גראד פיבער (היץ), און דער דאקטער האט אים שטרענג אנגעזאגט אז ער טאר בשום אופן נישט ארויסגיין אין גאס.



## ת. מאנן 26

פלוצלינג

זעט מרת הערמאן ווי איר מאן ווארפט אראפ די דעקע און גייט ארויס פון בעט. "וואו גייסטו?" האט זי דערשראקן געפרעגט, כאטש זי האט גאנץ גוט געוואוסט דעם ענטפער.

"עס איז שוין באלד צייט פאר מנחה, איך מוז זיך יאגן צו כאפן דעם מנין," האט ער געענטפערט.

"דער דאקטער ערלויבט דיר דאך נישט ארויסצוגיין פון בעט!" האט זיך מרת הערמאן געבעטן ביי אים. "עס איז קאלט אינדרויסן, וויאזוי קענסטו ארויסגיין?"

רבי יעקב יוסף האט שוין נישט געהערט, ווייל ער איז שוין געווען אינדרויסן.

עטליכע שעה שפעטער איז ער אהיימגעקומען, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז חוץ מנחה און מעריב האט ער נאך אינדערצווישן געגעבן צוויי שיעורים אין גמרא.

"טאטע," האט זיין יונגסטע טאכטער רוחמה זיך ערלויבט צו פרעגן, "דו ווילסט איך זאל דיר נאכמאכן און טון פונקט דאס וואס דו טוסט?"

"ניין, ניין... דו פאלג אויס דעם דאקטער," האט ער געענטפערט. "א מענטש ווייסט אליין וויפיל ער קען דערהייבן, און איך ווייס וואס איך קען באווייזן."

...

ער האט זיך נישט באגנוגט מיט זיין אייגענעם דאווענען מיט א מנין, נאר ער פלעגט כסדר צורעדן אנדערע אז זיי זאלן אויך קומען דאווענען מיט א מנין. אויסער דעם פלעגט ער אפרעכטן תיקון חצות יעדע נאכט.

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן, אז ביים מלווה מלכה פרשת דברים תשפ"ו האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז מען דערציילט צומאל מעשיות און עובדות פון פריערדיגע צדיקים, וואס מיט די הקדמות פונעם רבי'ן וואונדערט מען זיך: "וואס איז די עובדא דערפון? דאס איז דאך פשטות יהדות!".

דער ראש ישיבה האט געגעבן א ביישפיל, אז מען דערציילט אויף א צדיק אז "מען האט אים געהערט זאגן: 'אייבערשטער, איך דארף געלט פאר...', און אלע רופן אויס מיט התפעלות: 'פשיא... אזא מדרגה!'"

אבער ביי אונז, מיט די עצות פונעם רבי'ן, פרעג אפילו א קליין קינד: "וואס האסטו היינט געבעטן דעם אייבערשטן?" און ער וועט דיר ענטפערן עטליכע שיינע זאכן.

אלע, פון גרויס ביז קליין, טוען די הייליגע עבודה פון רעדן צום אייבערשטן וכדומה.

דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז פונקט ווי מען ברענגט נישט ארויס אלס א חידוש אז "דער צדיק האט געמאכט א שהכל פארן טרינקען קאווע", אזוי זענען אויך אנדערע מושגים "פשוט" און פארשטענדליך פאר חסידי ברסלב.

אזוי אויך, ווען מען באשרייבט אויף איינעם אז ער "האט אפגעראכטן תיקון חצות", איז דאס פאר אן אלגעמיינעם מענטש אין די וועלט א שטיקל חידוש, עפעס וואס באלאנגט פאר יחידי סגולה אדער יקירי ירושלים; אבער פאר אונז חסידי ברסלב, וואס מיר פירן זיך צו ליינען קריאת שמע שעל המיטה פונעם אריז"ל און גלייך דערנאך זאגן תיקון חצות, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, איז עס פאר אונז פשוט און פארשטענדליך.

אשרינו אז מיר זענען זוכה צו זיין מקורב צו א צדיק וואס מאכט "מיר אליין פאר א חידוש", און ברענגט מיר צו מדרגות פון צדיקים.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

POWERED BY: אנשי חיל

אנשי חיל תשפ"ו דורכברוך:

# גבאי צדקה
# מיט הצלחה



אזוי ווי פארגאנגענעם יאר האט זיך אויסגעשטעלט אז דער עיקר שוועריגקייטביים גיין נאך געלט אין די קאנטרי'ס איז געווען ווען מערערע גבאי צדקה זענען ארומגעגאנגען אינעם זעלבן לאקאציע אין די זעלבע צייט, וואס האט געשאפט אומבאקוועמליכקייטן פאר אלעמען.

דעריבער האט אנשי חיל אריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות אהערצושטעלן א העכסט פארגעשריטענעם סיסטעם ווי מיט א פשוט'ע טעקסט וועט מען קענען מעלדן פארן סיסטעם ווען מ'איז געווען אין א קאנטרי, און גלייכצייטיג וועט מען קענען אנפרעגן אויב איינער איז געווען אין דעם קאנטרי אין די לעצטע צוויי שעה.

# אנווייזונגען זענען ווי פאלגענד:

לייגט אריין די קאוד פונעם קאנטרי ווי איר ווילט גיין (ליסטע פון קאנטרי'ס קען מען באקומען ביים אנשי חיל אפיס, וואס געפינט זיך אין בית המדרש האשקי נעבן שמש שטיבל)

**Country 260**

און די קומענדיגע צוויי שעה איז אייערס.

אויב איז עס נישט עווילעבל וועט די סיסטעם עס מעלדן.

צו צולייגן נאך צוויי שעה, שיקט נאכאמאל:

**Country 260**

צו זען אויב א קאנטרי איז בכלל עווילעבל, שיקט:

**Check 260**

די סיסטעם ערלויבט צוויי מענטשן פאר צוויי שעה. אין גרעסערע קאנטרי'ס קען זיין מער.

ווען איר ענדיגט א קאנטרי, ביטע שיקט א טעקסט וויפיל איר האט געמאכט כדי עס זאל צוניץ קומען אין די צוקונפט. צום ביישפיל $300 אין צוויי שעה אין קאנטרי 260 דאן טעקסט:

**260 300 2**

קאמפיין נומער:

**845.439.2525**

כ"א-כ"ג אב

# לעבנסגעשיכטע

די דאטום ווען דיין 'לעבנסגעשיכטע' וועט אנהייבן אינספערירן.

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

# שידוכים סגולה - מסכת תענית

**עצתו אמונה עקב תשע"ז**

## שאלה

***לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א***

*אזוי ווי איך האב געהערט אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר די בחורים אז זיי זאלן לערנען מסכת תענית פערציג מאל פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, און אין דעם זכות וועלן זיי א חתן ווערן, אזוי ווי מוהרא"ש ז"ע האט צוגעזאגט פאר די בחורים אין יאר תשע"א, וויל איך פרעגן אויב די סגולה איז נאר פאר בחורים וואס לערנען אין ישיבה, אדער דאס איז אויך פאר מיר וואס איך לערן נישט אין ישיבה?*

*אויך וויל איך וויסן, ווען איך זאג מסכת תענית, און איך קום אן צו א פסוק וואס האט דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אויב מען זאגט ארויס דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אדער מען זאגט נאר "השם"?*

*אויך ווען ס'איז דא צוויי גרסאות אין א גמרא, ווי וועלכע גירסא דארף מען זאגן?*

*א גרויסן ישר כח פאר אלע חיזוק און עצות וואס איך באקום פון אייך שטענדיג.*

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך יום ג' פרשת עקב, ט"ז מנחם-אב, שנת תשע"ז לפרט קטן**

לכבוד הבחור שלמה נ"י

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחזק אין עבודת השם ובעיקר בלימוד התורה על פי סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן זכרונו לברכה (עיין שיחות הר"ן, סימן עו).

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רפז): "מען דארף גארנישט טון, נאר דאווענען לערנען און דאווענען", און דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כח): "טוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבוֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", וואס דאס קען מען נאר טון אז מען וואַרפט אוועק אלע נארישע חכמות, און מען פאלגט דעם הייליגן רבי'ן בתמימות ופשיטות.

דאס וואס דו פרעגסט מיר בנוגע די הבטחה וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט דא אין ישיבה, אז אויב מען וועט אין די פערציג טעג פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה יעדן טאג לערנען און מסיים זיין מסכת תענית - וועט דער בחור א חתן ווערן, פרעגסטו מיר צי דאס איז נאר פאר תלמידי היכל הקודש?

וויסן זאלסטו אז צו זיין א תלמיד הישיבה דארף מען נישט זיין אין ישיבה בפועל ממש, נאר דער עיקר איז אז מען נעמט די עצות פון הייליגן רבי'ן און מען איז דאס מקיים - דעמאלט וואו מען איז נאר, איז מען א תלמיד פון רבי'ן; היכל הקודש איז נישט מצומצם אין א געוויסע מקום, און דווקא אויב מען איז דארט איז מען א תלמיד, נאר צו זיין א תלמיד היכל הקודש דארף מען פאלגן די עצות וואס מען לערנט אין היכל הקודש; קומט אויס, אז עס קענען זיין בחורים וואס דרייען זיך אין היכל הקודש, עס זעט אויס ווי זיי זענען תלמידים, אבער באמת האבן זיי נישט קיין שום שייכות מיטן פלאץ, ווייל זיי פאלגן נישט, און עס קען זיין א בחור ווי דיר, וואס קיינער ווייסט נישט ווער דו ביסט, דו לערנסט אין א צווייטער ישיבה און דו פרובירסט צו מקיים זיין די עצות וואס מען לערנט דא, און דו ביסט א תלמיד היכל הקודש.

דערפאר זאלסטו אנהייבן צו לערנען מסכת תענית, און דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף דיר און דיר געבן דיין שידוך בקרוב.

בנוגע וואס דו פרעגסט, אויב מען קומט אן צו א פסוק וואס האט דעם אייבערשטנ'ס נאמען, צי מען זאגט ארויס דעם אייבערשטנ'ס נאמען; אויב איז עס א גאנצער פסוק קען מען ארויס זאגן דעם אייבערשטנ'ס נאמען, אבער אז חז"ל ברענגען נאר אראפ דעם האלבן פסוק, זאגט מען נישט ארויס דעם נאמען, נאר מען זאגט 'השם', אזוי אויך ווען עס איז דא נאך א גירסא קען מען זאגןביידע גרסאות.

דער עיקר זאלסטו זען זיך מחזק צו זיין און גלייבן אינעם אייבערשטן; דער רבי זאגט אז ווען א מענטש האט אמונה - ער גלייבט אז אלעס איז דער אייבערשטער, און קיינער קען גארנישט טון פאר מענטש, נישט קיין גוטס און זיכער נישט קיין שלעכטס אן דעם אייבערשטער, איז דער אייבערשטער אים מוחל אויף אלע עבירות.

נעכטן האבן די בחורים אנגעפאנגען דא אין ישיבה צו לערנען מסכת תענית; איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן פון וויינען, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן: "קוק ווי שטארק די בחורים ווילן חתונה האבן! קוק די בחורים וואס האבן נישט קיין זיץ פלייש, א גאנץ יאר קענען זיי נישט זיצן קיין גאנצע פינף מינוט אויף איין פלאץ, און יעצט ווען זיי הערן א צוזאג פון א צדיק, זיצן זיי שעות אויף שעות צו ענדיגן די מסכת, עס זענען דא בחורים וואס עס נעמט זיי פינף זעקס שעה צו ענדיגן, דאך ווילן זיי דאס טון ווייל זיי ווילן זיין ערליך און אפגעהיטן פון עבירות, דא קען מען זען אז אלע בחורים ווילן זיין גוט, אלע ווילן זיין ערליך".

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.**



בס"ד
CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND
Stay Connected
WITH PROTEK
TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE
BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA DuraXV
FROM $325
KYOCERA DuraXV EXTREME
FROM $330
HOT!! BRAND NEW AVAILABLE!
KYOCERA CADANCE
$300
REG. $350
FREE! YIDDISH KEYPAD STICKERS
TCL FLIP 2
FROM $95
FREE CASE
WONDER PHONE (Waze on car screen)
$399
LETAHER WAZE
$349
TAK PHONE (Waze on car screen)
$275
REG. $330
BLISS B1
$130
FREE! POWER BANK
POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT
$370
FREE! POWER BANK
POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT
$289
UNLOCKED
LG CLASSIC FLIP
$210
REG. $240
MP3
over 40 options available!
call us for advice
HOT!!
SAMVIX X9200
$269
Optional: No video playback
SAMVIX X8400
$209
Optional: No video playback
AKITO PICO-H
$119
SUMMER BUNDLE DEAL!!
SONIM XP3800 with 2 months unlimited service included!
$139
PROTEK Catskills
PURE CONNECTIVITY
FREE DAILY DELIVERY!
TO ALL BUNGALOW COLONIES & CAMPS
'SAME DAY' FOR ALL ORDERS ORDERED UNTILL 4:00
845.999.TALK(8255)
All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# א מעשה פון א צדיק

# קירוב רחוקים אויפן ריכטיגן וועג (חלק א׳)

אהרן קליטניק

עס איז געווען אין ארץ ישראל א פרייער איד וואס זיין ווייב איז געווען פון אמעריקע. למעשה האט זיין ווייב נישט אויסגעהאלטן צו וואוינען אין ארץ ישראל, האט זי געזאגט אז מען מוז גיין וואוינען קיין אמעריקע.

דער איד האט נישט געהאט קיין ברירה; ער האט נישט געוואלט פארלירן זיין ווייב און קינדער, האט ער מסכים געווען. זיי זענען אנגעקומען קיין אמעריקע, אבער דא האט זיך זיין בראך אויסגעפלאצט. ווי נאר זיי זענען אנגעקומען קיין אמעריקע, זענען זיי קודם געגאנגען וואוינען צו אירע עלטערן, און אירע עלטערן האבן אנגעהויבן רעדן צו איר קעגן איר מאן. זיי האבן געהעצט און בארעדט אז ער איז גארנישט ווערד, ער ברענגט נישט קיין פרנסה, און ער טרעפט נישט קיין דירה וואו זיי זאלן קענען וואוינען. דאס האט צוגעברענגט אז זיי זאלן זיך צוטיילן.

אזוי האט ער זיך ארומגעדרייט אין אמעריקע איינער אליין, א צובראכענער און אינגאנצן פארלוירן; ער האט נישט געהאט קיין ווייב, נישט קיין דירה וואו צו וואוינען, און פרנסה האט ער אויך נישט געהאט.

עס איז געווען א תלמיד פון מוהרא״ש וואס האט באמערקט ווי א פרייער איד דרייט זיך ארום אזוי אינגאנצן פארלוירן. אויף זיין פנים האט מען געקענט זען אז ער איז אינגאנצן מיואש און עס איז אים ביטער דאס לעבן. דער תלמיד איז צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: ״וואס גייט פאר מיט דיר? פארוואס ביסטו אזוי פארלוירן און צובראכן?״

דער איד האט אים אלעס דערציילט, האט אים דער תלמיד פון מוהרא״ש געזאגט: ״איך האב דא א רבי׳ן, און איך בין זיכער אז ער קען דיר העלפן, גיי אריין צו אים.״

דער איד איז אנגעקומען צו מוהרא״ש געציילטע טעג פאר פורים תשמ״ב. מוהרא״ש האט אים מחזק געווען אויף אלע סארט וועגן, אבער דער איד איז געווען אזוי מיואש און צובראכן אז ער האט נישט געגלייבט אז ער האט נאך א האפענונג אין לעבן.

ער האט געזאגט פאר מוהרא״ש: ״וויאזוי קען איך זיך מחזק זיין? איך האב נישט קיין דירה און איך האב נישט קיין געלט!״

האט מוהרא״ש אים געזאגט: ״אויף פרנסה דארפסטו זיך נישט זארגן, איך וועל דיר שוין פארזארגן א פרנסה. דערווייל, ביז דו וועסט האבן א פרנסה, נעם דעם זעקל געלט.״ [ מוהרא״ש האט אים געגעבן א זעקל מיט געלט וואס איינער האט פריער אריינגעברענגט אלס צדקה, און מוהרא״ש האט אפילו נישט געוואוסט וויפיל געלט עס ליגט דארט] ״אזוי וועסטו האבן געלט פאר דיר און פאר דיין משפחה.״

למעשה, ווער עס האט נאר געשטאנען דארט האט געזען ווי עס איז ממש אריין א חיות אין דעם מענטש; עס האט אויסגעזען ממש ווי תחית המתים! און מוהרא״ש האט צוגעענדיגט: ״זאלסט זען צו זיין דא שבת״, און דער איד האט צוגעזאגט פאר מוהרא״ש אז ער וועט טאקע קומען.

דערווייל האט מוהרא״ש געבעטן איינעם פון אנשי שלומנו וואס האט געהאט א געשעפט, אז ער זאל אים אויפנעמען פאר א פראבע אלס אן ארבעטער.

דער איד איז צוריקגעקומען שבת, און עס איז געווען דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן וואס ער האט געהיטן שבת! ער איז געזעסן און געהערט מיט דארשט אלע תורות און דיבורים וואס מוהרא״ש האט געזאגט, און צוביסלעך דורכאויס דעם גאנצן שבת איז אריין אין אים מער און מער א גייסט פון לעבן און א גייסט פון קדושה; נאך שבת האט ער אויסגעזען ווי אן אנדערע מענטש.

***צווייטע חלק מעשה קומענדיגע וואך אי״ה***

***שיחות מוהרא״ש חלק ב׳ ערך קירוב רחוקים***

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קס"ט

## פארזעצונג פון פריער:

**יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר.**

**מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.**

**דֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען אַסַאךְ נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן אִין מִינוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָבֶּער דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי צֶעשְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ.**

אִין יֶענֶע צַייט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה, אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וָואס הָאט גֶעפִירְט גֶעשֶׁעפְטְן מִיט גֶעוִויסֶע פָּרִיצִים פוּן דִי מִילִיטֶער, עֶר פְלֶעגְט זֵיי צוּשְׁטֶעלְן מֶעל, אוּן עֶפֶּעס אִיז זֵיי נִישְׁט גֶעפָאלְן וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט, אוּן דָאס הָאט אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע גֶעלְט שָׁאדְן וָואס הָאט אִים עֶרְוַוארְטֶעט, הָאט זִיךְ עֶס נָאךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן פַאר אִים מִיט סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת מַמָּשׁ רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעצִיטֶערְט וִוי אַזוֹי דִי זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאנְט צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואס דֶעמָאלְט פְלֶעגְן דָאךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען עֶר וֶועט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת וֶועט עֶר דֶעמָאלְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִין וָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט, אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

זַייעֶנְדִיג בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב, הָאט עֶר גֶעהֶערְט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר אַרַיין אִין קָאפּ דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה אַז דוּרְכְ'ן רֶעדְן פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים אִיז מֶען זוֹכֶה אַז עֶס וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען דִי רֵייד וָואס מֶען רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן, אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען מַיינֶע רֵייד וָואס אִיךְ וִויל זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן אוּן מַסְבִּיר זַיין מַיין שְׁטֶעלוּנְג, דִי פָּרִיצִים זָאלְן מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיבּ וֶועט דָאס פַּאסִירְן וֶועל אִיךְ דָאךְ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי גַאנְצֶע צָרָה, אוּן אִיךְ וֶועל נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין מִיט גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן".

עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, נָאר גְלַייךְ מוֹצָאֵי שָׁבוּעוֹת וֶועט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן קֵיין וִוינִיצֶע, וואוּ דִי פָּרִיצִים הָאבְּן גֶעוואוֹינְט, אוּן עֶר וֶועט עֶס אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי.

גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעטוּן, מוֹצָאֵי שָׁבוּעוֹת הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁטָאט וִוינִיצֶע, אוּן אוֹיפְ'ן גַאנְצְן וֶועג הָאט עֶר נָאר גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סַיי מִיטְ'ן בַּעַל עֲגָלָה הָאט עֶר נָאר גֶעשְׁמוּעֶסְט דִי גַאנְצֶע צַייט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אִין וִוינִיצֶע הָאט עֶר גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן רֶבִּי'ן מִיט זַיין בַּעַל אַכְסַנְיָא.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט נָאר בַּאגֶעגְנְט, עֶר הָאט נָאר גֶערֶעדְט פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבְּן אַלְץ גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ דִי פָּשׁוּטֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייְדְט בַּיים רֶבִּי'ן, הָאבּ גֶעהַאט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּי'ן.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּרִיצִים אוּן גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַלֶע זַיינֶע טַעֲנוֹת אוּן תֵּירוּצִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ זָאגְן אִיבֶּער דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אָנְגֶעקוּמֶען זַיינֶע רֵייד, זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנוֹת וָואס הָאט גֶעדְרָאעֶט אוֹיף אִים, עֶר אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם, אוּן נָאךְ מִיט גְרוֹיס רֶוַח פוּנֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

## גאַנדאנקען

#ביים גיסן בליי ווערט ער א שוואכלינג

נישט קיין סאך מענטשן האבן עפעס א מהלך אין לעבן.

נישט קיין סאך מענטשן האבן קאנוויקשנס אין לייף.

גאר אסאך מענטשן טוען וואס יעדער טוט ווייל יעדער טוט וואס יעדער טוט, במילא דארף יעדער טון וואס יעדער טוט, ווייל יעדער טוט וואס יעדער טוט.

אז יעדער גיסט בליי פאר א פופציגער דארף יעדער גיסן בליי פאר א פופציגער.

נישט קשה, מען סווייפט במילא אויפ'ן קרעדיט קארד א מאה אלף פאר די "נארמאלע" חתונה, נו, זאל זיין א מאה אלף מיט א פופציגער אריבער, דשאסט אין קעיס אז די בליי גיסעריי האט יא עטוואס האפט אין זיך, דער מחותן האט מער מורא נישט צו נעמען א בליי גיסער ווי ער האט מורא נישט צו דאווענען שחרית מיט מנין, א שמאלציגע לשון הרע דערהייבט ער לייכט, אבער ווען ס'קומט צו אבער-גלויבן'ס און צו גיסעריי ווערט ער א שוואכלינג, העי, זאגט ער, יו נעווער קנאו.

אבער לאך נישט! ס'איז נישט אינגאנצן בלויז קרעדיט קארד חובות! ס'איז אויך דא ארייגעמישט א "זיכערע" אינוועסטמענט אין עס ענד פי פייוו האנדרעד וואס איז געגאנגען פייפן, להגדיל החובות ולהאדירה.

אין חעלעם איז געווען א טייכעלע וואס האט געשפרודלט מיט פרישע קאלטע קוואל וואסער, אויפ'ן טייכעלע איז געלאפן א בריקעלע, עס איז געווען זייער געשמאק צו כאפן א שפאצירעלע אויף די בריקעלע העכער די חעלעמער טייכעלע.

די פראבלעם איז געווען אז ס'בריקעלע האט נישט געהאט קיין צוים, מענטשן זענען אריינגעפאלן אין טייכל און צובלוטיגט די קאפ און צובראכן הענט און פיס. ביז מען איז אנגעקומען אין שפיטאל פלעגן האלב פון די צובייליטע אויסהויכן די נשמה.

די חעלעמער חכמים האבן פאררופן אן אסיפה, מען מוז עפעס טון דא, זענען זיי געפאלן אויף די עצה אז מען וועט בויען א נייע שפיטאל נענטער צום בריק אזוי אז די צובייליטע זאלן שנעלער אנקומען אין שפיטאל וועט זיין ווינציגער אויסגעהויכטע נשמות.

עס איז נישט בייגעפאלן פאר די חעלעמער חכמים צו בויען א צוים אויף די בריק אז קיינער זאל נישט אראפ פאלן פון בריק.

אנשטאט זיך אויסצולערנען אז מען

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

דארף נישט לעבן פאר שכנים און מען דארף נישט ספענדן געלט צו געפעלן פאר מענטשן, וועט מען טרעפן אלע לעזונגען אז מען זאל יא לעבן פאר יענעם און יא אויסגעבן געלט אויף זאכן וואס האלט אזוי לאנג ווי א ברוינע בענענע.

נו, אז יעדער לויפט צו עס ענד פי פייוו האנדרעד, מוז דאך יעדער לויפן צו עס ענד פי פייוו האנדרעד ווייל יעדער לויפט צו עס ענד פי פייוו האנדרעד.

ער האט נישט די מינדעסטע אנונג וואס איז דאס עס ענד פי פייוו האנדרעד.

ער ווייסט ניטאמאל אז עס ענד פי פייוו האנדרעד איז בלויז א קאנסאלטעישן, אן עצה געבעריי, אין וועלכע סטאק מען זאל אינוועסטן.

דאס איז א מעשה אן א סוף, פאר יעדע אינדעקס פון מורא'דיגע מעכטיגע אוטפערפארמינג סטאקס איז דא א אנדערע קאמפאני וואס עצה'ט א אנדערע אינדעקס וואס לייגט די דאזיגע אינדעקס אין קליינעם פינגער.

די עס ענד פי פייוו האנדרעד הייבט נישט אן צו זיין די שטערקסטע אינדעקס, לא דובים ולא יער.

די "נעסדעק 100" האט אוטפערפארמד די עס ענד פי פייוו האנדרעד.

די "100 בעסט קאמפאני" אינדעקס האט אוטפערפארמד די עס ענד פי פייוו האנדרעד.

אבי מען מאכט פון עולם דאס גענאר אז בליי גיסעריי איז די בעסטע שמירה און עס ענד פי פייוו האנדרעד איז די בעסטע הכנסה.

דריי נישט קיין שמיטשיק.

אין אמעריקע איז פארהאנען צען טויזנט מיוטשועל פאנדס.

אין אמעריקע איז פארהאנען 2000 "LARGE-CAP" מיוטשועל פאנדס.

צען פראצענט פון זיי טוען אוטפערפאמען די עס ענד פי פייוו האנדרעד.

דאס מיינט דו האסט 200 פארשידענע מיוטשועל פאנדס וואס ברענגען שטערקערע רעזולטאטן ווי די עס ענד פי פייוו האנדרעד.

אבי מען האקט א קאפ אז די עס ענד פי פייוו האנדרעד איז די שטערקסטע אין די וועלט, און אלע קאנוויקשן-לאזע און דיירעקשן-לאזע לויפן ווייל יעדער לויפט, און יעדער לויפט ווייל יעדער לויפט, און אלע שרייען עס ענד פי ווייל אלע שרייען עס ענד פי.

צו מאכן אז חתונה מאכן זאל אנקומען גרינגער וועט נישט העלפן קיין חעלעמער עצות, עס וועט נישט העלפן קיין נייע שפיטאל נעבן די חעלעמער בריק, מען וועט מוזן זען אז די בריק אליין זאל האבן א צוים.

> רוב קומען ארויס פון די געלט-כבוד-פארמעסט צוביילט און צובלוטיגט און פאר'חובות'ט ביז די אייניקלעך'ס חתונה ווען די קומענדיגע דור מחותנים וועט לויפן פארסאפעט פון איין גמ"ח צום צווייטן

קינדער וואס וואקסן אויף אז מען לעבט פאר יענעם, העלפט נישט קיין עס ענד פי שמעס ענד פי.

אויב א טאטע וועקט זיין בחור שבת צופרי נישט ווייל דער באשעפער האט געהייסן דאווענען מיט מנין, נאר ווייל דער טאטע קען ווערן פארשעמט אין סאסייעטי אויב זיין בחור שלאפט, באקומט דער בחור א חינוך אז מען לעבט פאר יענעם, פאר שכנים, פאר שידוכים, פאר סאסייעטי, נישט פאר'ן באשעפער, קענסטו מאכן עס ענד פי ביז איבערמארגן און דו וועסט נאך אלץ נישט האבן גענוג געלט פאר דעם בחור'ס קאפריזן פון געפעלן פאר חברים, אויב דאס איז דער חינוך וועסטו צאלן AN ARM AND A LEG און דער בחור וועט נאך אלץ נישט זיין צופרידן.

און בכלל, אז דער טאטע לעבט א גאנץ לעבן פאר יענעם, וועט נישט העלפן כל הון דעלמא צו מאכן אז חתונה מאכן זאל זיין א פריידיגע רואיגע געשעעניש, אז מען לעבט א גאנץ לעבן פאר יענעם איז א חתונה נישט קיין פרייליכע רואיגע שמחה, אז מען לעבט א גאנץ לעבן פאר יענעם איז די חתונה א חלק פון די INTENSE RACE וואס טויזנטער גייען אריין אין די געלט-כבוד-פארמעסט און עס קומט ארויס קוים איין געווינער, רוב קומען ארויס פון די געלט-כבוד-פארמעסט צובייגלט און צובלוטיגט און פאר'חובות'ט ביז די אייניקלעך'ס חתונה ווען די קומענדיגע דור מחותנים וועט לויפן פארסאפעט פון איין גמ"ח צום צווייטן אזוי ווי עס האט זיך געפירט דער טאטע און דער זיידע.

ווייל אונז זעמיר א "נארמאלע" משפחה מיט "נארמאלע" חובות.

אז מען איז מחנך די קינדער צו לעבן פאר'ן באשעפער קען מען זיי צופרידן שטעלן מיט גאנץ קנאפ, אז מען איז מחנך די קינדער אלץ וואס מענטשן זאגן און וואס שכנים זאגן דאס איז א מעשה אן א סוף.

שכנים און סאסייעטי קען מען נישט צופרידן שטעלן, אז מען וויל די שכנים זאלן האלטן פון מיר קומט מען נישט אן אין ערגעץ, אז מען וויל דער לעבעדיגער באשעפער זאל האלטן פון מיר קען מען אנקומען גאנץ פיין.

שכח ראש ישיבה פאר אהערשטעלן א חדר און סקול וואו מען הערט א גאנצן טאג "שכח אייבערשטער" "שכח אייבערשטער".

שכח ראש ישיבה פאר אהערשטעלן א חדר און סקול וואס איז געבויט אויף זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן, געבויט אויף רעדן צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט צו א גוטן פריינט.



בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן ווילן וואנטשן א

# מזל טוב

פאר אונזער ידיד וואס שטייט אייביג גרייט מיט די
גאנצע הארץ ארויסצוהעלפן פארן בית התבשיל

הבחור החתן המופלג בתורה וביראת שמים

## חיים שלמה קויפמאן נ״י

לרגל זיין שידוך שליסן מיט
הכלה תחי׳ בת

**מו״ה אברהם שבתי מזרחי הי״ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן די זיווג זאל עולה יפה
זיין און דו זאלסט אוועקשטעלן א בית נאמן בישראל
און ווייטער קענען אייביג משמש זיין דער רבי'ן.
וואונטשט,

**הנהלת בית התבשיל**

*sruliHeskel

קרן ה

# פרנס השנה

מו"ה
יצחק אייזיק
ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן
גלאנשטיין
הי"ו

הרוצה
בעילום
שמו

מו"ה
יקותיאל
פעלדמאן
הי"ו

מו"ה
מנחם זאב
שטערן
הי"ו

מו"ה
זלמן לייב
מייזעלס
הי"ו

מו"ה
מאיר
וויזעל
הי"ו

מו"ה
יעקב
האלפערן
הי"ו

## פרנס החודש

### ניסן

לע"נ ר' צבי הירש
בן ר' בנימין אייזיק ע"ה

לע"נ ר' יצחק
בן ר' אברהם ע"ה

מו"ה יחזקאל
זיגלער הי"ו

### סיון

מו"ה ראובן
בירנבוים הי"ו

מו"ה אפרים
פעלדמאן הי"ו

מו"ה בניהו
אונגאר הי"ו

### אב

מו"ה יעקב
שאול פיש הי"ו

מו"ה שלמה
יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה אלי'
קנאלל הי"ו

### אייר

לע"נ אברהם חיים אלטר
בן ר' ידידיה ע"ה

מו"ה אשר
לעווי הי"ו

מו"ה משה
האמער הי"ו

### תמוז

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה יהודה אריה
ראטה הי"ו

מו"ה העניך יצחק
אינדיג הי"ו

### אלול

מו"ה עלי
מזרחי הי"ו

מו"ה לוי יצחק
זאפיר הי"ו

הרוצה
בעילום שמו

מיר ווילן אויס
הכרת הטוב
הנכבד פא

חודש

מו"ה יעקב ש

מו"ה שלמה יא

מו"ה אלי' ק

דער אייבע
העלפן אז אין
און פארשט
הייליגן רבין
דיר דער א
ערפילן כל מ

*sruliHeskel

דפסה
הקודש ברסלב

# פרנס השנה

מו"ה
דוד
טשינגל
הי"ו

מו"ה
מרדכי
היימליך
הי"ו

מו"ה
מרדכי לייב
טירנויער
הי"ו

מו"ה
ישראל דוד
העסקעל
הי"ו

מו"ה
אברהם
שבתי
מזרחי
הי"ו

מו"ה
אשר לעמיל
זוסמאן
הי"ו

מו"ה
שלמה
לאנדא
הי"ו

מו"ה
יואל
אפענהיים
הי"ו

## פרנס החודש

### תשרי

מו"ה שלמה
בריסק הי"ו

מו"ה אהרן
וועבערמאן הי"ו

מו"ה חיים ישעי'
דעפריס הי"ו

### כסלו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה שאול חיים
איינהארן הי"ו

מו"ה יוסף
פארטיגאל הי"ו

### שבט

מו"ה שלום יצחק
מאסרי הי"ו

מו"ה יוסף הכהן
פריעדמאן הי"ו

מו"ה משה
מאסרי הי"ו

### חשון

מו"ה דוד
מץ הי"ו

מו"ה יואל
ראזענבערג הי"ו

מו"ה נחמן נתן
בוים הי"ו

### טבת

מו"ה יואל
מארקאוויטש הי"ו

מו"ה משה
עקשטיין הי"ו

מו"ה אברהם יושע
וועבערמאן הי"ו

### אדר

מו"ה יואל
טייטלבוים הי"ו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה אפרים אשר
הלוי ענגליש הי"ו

סדריקן אונזער
פאר ידידינו
רן מנדב זיין

אב

אול פיש הי"ו

קאבאוויטש הי"ו

קאנאלל הי"ו

רשטער זאל
זכות פון דרוקן
פרייטן דעם
ס ספרים זאל
ייבערשטער
משאלות לבך.

# אַ בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:




## בילד פון פאריגע וואך:

מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין קעמפ, און גיבט א שיעור פאר די בחורים, אין יאר תשע"ב.



# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



מיטינג מיט די עסקני הבנין פון אומאן איבער די פלענער פון ראש השנה הבעל"ט - א' דברים



טעגליכע בלאט גמרא פארגעלערנט דורכ'ן דיין שליט"א אין שטעטל - ד' דברים





סיום ששה סדרי משנה און מסכת ברכות פון הילד אליהו ווערטהיימער ני"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק פנחס




נשי חיל פארטי פאר די קאונסלערס פון די היי יעריגע קאמפיין - א׳ דברים




ווייטערדיגע פארשריט ביי די נייע בנין אין אומאן - ד׳ דברים




צווייטע סיום הש״ס צוזאמען מיט סעודת בר מצוה פון הבחור אליעזר ני״ו בן מו״ה יצחק ראטה הי״ו אין תלמוד תורה בית שמש - ד׳ דברים









**לחיים ווארט תנאים פון החתן שמואל זאב ני"ו בן מו"ה יואל לעווי הי"ו עב"ג בת הרב הערש אלימלך קאהן שליט"א בן ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א וחתן גאב"ד קארלסבורג שליט"א אין שטוב פונעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל - ג' דברים**









**גרויס פארשריט מיט די ארבעט צו פארברייטערן די נייע ביהמ"ד היכל הקודש אין טבריה - ה' מטות מסעי**





**שיפמענט פון קליידער פון די בית התבשיל אין שטעטל אנגעקומען אין ארץ ישראל - א' דברים**











**לחיים ווארט תנאים פון החתן חיים שלמה קויפמאן ני"ו עב"ג בת מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו - ה' דברים**

קרן הדפסה

היכל הקודש ברסלב

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר און שטענדיגע שטיצער

## מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון ׳קרן הדפסה׳

## לרגל די שידוך שליסן פון בתו הכלה תחי׳
## עב"ג הבה"ח חיים שלמה קויפמאן נ"י

דער אייבערשטער זאל העלפן די זיווג זאל עולה יפה זיין
און ס׳זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עדי עד, און דו
זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און
פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

## הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

# אינדערהיים

**מעגליך יא, אבער ס'איז נישט צום פארגלייכן**
מ. פעדער

**שטאטישע באקסעס**
מעשה פון תפילה

**א בית המקדש אין קאפ**
ש. ל. פליישמאן

**רעספי**
Napoleon Puffs

# איך טו עס פאר מיר

ג. פעקעטע

מיט הארץ
נשי חיל קאמפיין תשפ"ו

# אינדערהיים






**בס"ד**
ואתחנן
תשפ"ו
**נומער 28**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

מ. פעדער

# מעגליך יא, אבער ס׳איז נישט צום פארגלייכן



"וואו איז שוין טאטי? איך בין אזוי הונגעריג," האט דער קליינער איטשע געזאגט צו זיך אליין, זיצנדיג אין זיין ווינקל מיט אן אויער צוגעצויגט צום וואנט, האפנדיג שוין צו הערן זיין טאטנס פוסטריט.

דאס איז געווען אין די צייטן פון די צווייטע וועלט קריג, ווען די רשעות׳דיגע דייטשן האבן ארײנמארשירט אין די שטעט, אריבערגעפירט אלע אידן אין א צושטופטע געטא, און פון צייט צו צייט דעפארטירט מאסן אידן צו די לאגערן.

פאר איטשע און זיין טאטע - איבער וועמען אונזער מעשה רעדט זיך איז בחסדי השם געלונגען זיך אויסצובאהאלטן אין אן אונטערערדישן טונעל אינעם לאגער, וואס איז געבויט געווארן פאר די סוער סיסטעם; דארט זענען געלעגן צענדליגער רערן דורך וועלכע די אפפאל וואסערן פלעגן דורכפליסן.

איטשע און זיין טאטע האבן זיך באקוועם געמאכט אין זייער באהעלטעניש. יעדע נאכט, ווען יעדער איז שוין געשלאפן, האט זיך דער טאטע שטיל ארויסגעשלייכט פונעם טונעל און באהאלטענערהייט ארומגעגאנגען זוכן עפעס איבערגעבליבענע עסן און טרינקען פאר זיך און פאר זיין איטשע. זיי פלעגן זיך שפייזן פון הארטע, פארשימלטע ברויט און אביסל שמוציגע וואסער.

אן אויסנאם טאג ווען זיין מזל האט אויפגעשיינט, איז אים אפילו געלונגען צו טרעפן שאלאכץ פון קארטאפל. דאס איז שוין געווען אן אמת׳ער אוצר; עס האט אים אנגעווארעמט דאס הארץ דערזעענדיג איטשע׳ס אויגן שיינען פאר גליק פונעם ספעציעלן מאלצייט. אזוי זענען די טעג ווייטער פארלאפן, ווען יעדע נאכט זוכט דער טאטע עפעס עסן, האפנדיג צו פארשאפן א בעסערע עהרענרונג פאר זיין זונ׳ס אויסגעמאגערטע קערפער.

חודשים זענען פארלאפן, און זייער לעבנסשטייגער איז ווייטער אזוי אנגעגאנגען, ביז עס איז געקומען די גליקליכע טאג: די מלחמה האט זיך געענדיגט און דאס לאגער איז באפרייט געווארן.

"שכח אייבערשטער, מיר זענען באפרייט!" שרייט דער טאטע אויס מיט פרייד. איטשע באטראכט זיין טאטן מיט שאקירטע בליקן; ער האט קיינמאל נישט געהערט זיין טאטן רעדן אזוי הויעך, וויבאלד אלעמאל האבן זיי געמוזט רעדן שטיל, כדי די שלעכטע נאציס זאלן זיי חלילה נישט הערן.

"קום איטשע," כאפט אים זיין טאטע ביים האנט, "לאמיר ארויסגיין פון דא. לאמיר צוריקגיין אין שטאט, מיר וועלן שוין קענען לעבן א נארמאלע לעבן."

**עס איז פונקט ווי דאס קינד וואס אין זיין מח איז קארטאפל-שאלאכץ דאס בעסטע עסן; ער באגענוגט זיך מיט דעם, ווייל ער ווייסט נישט וואס "גוט" מיינט.**

דער קליינער איטשע ציט מיט די אקסלען. "טאטי, איך וויל דא בלייבן," זאגט ער און מאכט זיך באקוועם אין זיין ווינקל, "דא איז אונזער פלאץ."

דער טאטע באטראכט מיט ווייטאג זיין קליין קינד, דאס אומשולדיגע ריינע נשמה'לע וואס איז אויפגעוואקסן אונטער אזעלכע אומשטענדן, אזוי ווייט אז ער ווייסט אפילו נישט אז עס עקזיסטירט א וועלט אינדרויסן; ער איז שוין דא געווארן באקוועם.

ער פרובירט אים צו ערקלערן אז אינדרויסן איז דא א וועלט, א זון וואס שיינט, הייזער און מענטשן. מען דארף מער נישט זיצן באהאלטן אין א שמוציגן, צושטופטן טונעל, מען קען זיך דרייען פריי אויף די גאסן. דאס קינד אבער וויל פון גארנישט הערן.

"קום שעפעלע," בעט זיך דער טאטע מיט טרערן, "עס לוינט זיך דיר. דו וועסט זען אזא שיינע וועלט, דו וועסט ענדליך קענען זען די ליכטיגקייט פון די זון. דו וועסט קענען ארומלויפן, שפילן און לאכן; דו וועסט האבן אזא געשמאקע לעבן, עס וועט דיר גארנישט פעלן."

"אבער טאטי," פרעגט דאס קינד מיט זארג, "וואס גייען מיר עסן?"

"דאס דארף זיין דיין לעצטע דאגה," צולאכט זיך דער פאטער, "דו וועסט קענען עסן פון אלעם גוטן: אלע סארטן פרוכט און גרינס, פרישע ברויט, מילכיגס און פליישיגס, עסן וואס דו האסט נאך קיינמאל נישט פראבירט; דו וועסט מער קיינמאל נישט פילן קיין הונגער."

דאס קינד וויל נאר זיכער מאכן: "שאלאכץ פון קארטאפל וועל איך אויך קענען האבן?"

"וואס עפעס?" ענטפערט זיין טאטע, "דו גייסט נישט האבן די שאלאכץ, דו וועסט האבן די קארטאפל אליין!"

איטשע נעמט זיך וויינען: "איך וויל אזוי שטארק האבן שאלאכץ פון קארטאפל, עס איז דאך אזוי גוט! אויב איך קען עס נישט האבן, דעמאלטס וויל איך נישט ארויסקומען פון דא. עס איז מיר גוט דא און עס פעלט מיר גארנישט; אויב אינדרויסן קען איך נישט באקומען קיין שאלאכץ, וויל איך ענדערש בלייבן דא."

***

איין טאג גייענדיג אין גאס, האב איך געזען הענגען א גרויסע סיין. אויף איין זייט פון די עד זעט מען א קינד וואס מוטשעט זיך און פראבירט ארויפצוקריכן אויף א גראדע וואנט כדי אנצוקומען צו א הויכע שאפע; אויף די צווייטע זייט פונעם בילד זעט מען א קינד וואס קריכט ארויף באקוועמערהייט אויף א לייטער. פון אונטן שטייט געשריבן מיט גרויסע אותיות: "אפשר איז עס מעגליך, אבער עס איז נישט צום פארגלייכן..."

די זאך האט מיר געכאפט. אזוי פיל מאל פאסירט עס אז מען טרעפט זיך אן מיט זאכן פון די ארומיגע, ווי למשל: "וואס האט דיר אויסגעפעלט היכל הקודש? עס האט דיר דאך פריער גארנישט געפעלט?



דו האסט דאך געלעבט און געהיטן די תורה!"

אדער אזוי ווי א פרוי האט מיר לעצטע וואך געפרעגט: "איז דען נאר אין היכל הקודש דא א גוט לעבן? קען נישט לעבן א גוט לעבן אן היכל הקודש? יעדער איז דאך פריילך, יעדער האט שלום בית, יעדער פאלגט די תורה, און יעדער ווייסט פונעם אייבערשטן."

עס איז מיר גלייך ארויפגעקומען אין קאפ יענער זאץ פון די אדווערטייזמענט: "אפשר איז עס מעגליך, אבער עס איז נישט צום פארגלייכן."

קען זיין אז מען קען אנגיין אין לעבן, אבער ס'איז נישט צום פארגלייכן א לעבן מיט א צדיק צו א לעבן אן א צדיק. א לעבן פון קריכן אויף גראדע ווענט און זיך נישט קענען קיין עצה געבן, קעגן א לעבן פון אזא קלארקייט מיט אזעלכע זיסע לעכטיגע עצות. עס איז פשוט אזוי ווי ארויפקריכן באקוועמערהייט אויף א לייטער; פאר יעדע זאך וואס מיר ווילן ערררייכן, גיבט אונז דער רבי א לייטער אנצוקומען אהין. מען דארף זיך שוין מער נישט מוטשענען, ווייל עס איז דא אן עצה




פאר יעדע זאך.

יעדער ווייסט פונעם אייבערשטן? טאקע, מיר האלטן שוין אין א צייט וואס יעדער איז זיך מודה אז עס איז דא א באשעפער, אבער אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט פאר זיין שווער: "יעדער ווייסט אז עס איז דא א באשעפער, אבער מיין רבי לערנט מיר אויס וויאזוי צו 'לעבן' מיטן אייבערשטן - אים צו טרעפן אין יעדע זאך און זיך אלעמאל אויסשמועסן מיט אים."

האט דען יעדער א גוט לעבן? האט יעדער שלום בית? עס איז פונקט ווי דאס קינד וואס אין זיין מח איז קארטאפל-שאלאכץ דאס בעסטע עסן; ער באגענוגט זיך מיט דעם, ווייל ער ווייסט נישט וואס "גוט" מיינט, און ער ווייסט אפילו נישט וויפיל גוטע עסן עס עקזיסטירן אויף דער וועלט.

דער וואס האט נישט זוכה געווען צו וויסן פון די עצות פונעם הייליגן רבינ'ס עצות, דרייט זיך ארום אויף דער וועלט און מיינט אז ער האט א לעבן, אבער ער ווייסט אפילו נישט וואס לעבן מיינט. ער כאפט נישט וואס פאר א זיס לעבן ער קען האבן; ער איז אזוי צוגעוואוינט צו זיין לעבנסשטייגער, אז ער ווייסט ניטאמאל וואס עס פעלט אים און וואס ער פארפאסט.

עס איז דאך אזא גלות; דער נאמען פונעם הייליגן רבי'ן איז ליידער פארשעמט, מען שפעט פון צדיקים, און מען חוזק'ט אפ פון ערליכע אידן און פון יעדע ערליכע זאך. אידישע קינדער פארגעסן פונעם אייבערשטן, מען פארשווענדעט די יארן מיט נארישקייטן, מען לויפט נאך געלד און נאך די גאס; מען איז אלץ פארנומען מיט "וואס וועט יענער זאגן", און מען פארגעסט אינגאנצן פונעם "וואס וועט דער אייבערשטער זאגן".

מען פארשטייט נישט די שיינקייט פון ערליכקייט, די שיינקייט פון א חתונה געהאטע לעבן, און די חשיבות פון ברענגען קינדער; צניעות איז ליידער

געווארן א פארשעמטע זאך.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן די זכיה צו וויסן פונעם הייליגן רבי'נס עצות - די עצות וואס משיח וועט אריינברענגען אין די וועלט.

דער הייליגער רבי זאגט דאך אז - צווישן מיר און משיח איז נישטא קיין חילוק, נאר יעצט איז נאך דא א בחירה אויב אנצונעמען מיינע רייד אדער נישט; ווען משיח וועט קומען וועט מער נישט זיין קיין בחירה, און יעדער וועט פאלגן.

דער רבי לערנט אונז אויס די עצות וואס משיח וועט אריינברענגען אין די וועלט: צו זען דעם אייבערשטן אין יעדע זאך, און צו רעדן צו אים און זיך אויסשמועסן פונקט ווי מיט א גוטן פריינט.

'משיח' איז א לשון פון 'משיח אלמים' - משיח וועט יעדן אויסלערנען צו רעדן צום אייבערשטן.

אזוי ווי מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל (מכתב ש"פ): "דער הייליגער רבי האט אונז מגלה געווען דעם ענין פון רעדן צום בורא כל עולמים, וואס דאס וועט משיח אריינברענגען אין די גאנצע וועלט, אזוי ווי עס שטייט (צפניה ג'): 'כי אז אהפך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה''. ווארום משיח וועט אנפולן די גאנצע וועלט נאר מיט געטליכקייט; דאס הייסט, ער וועט אראפנעמען די גשמיות פון די בריאה און מען וועט נאר זען ה' ברוך הוא וברוך שמו."

הייליגער באשעפער, העלף אז דאס ליכט פונעם הייליגן רבי'ן זאל זיך פארשפרייטן איבער די גאנצע וועלט; יעדער זאל וויסן פון דיר, און יעדער זאל וויסן פון די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

העלף מיר מיר זאלן זוכה זיין צו פאלגן די עצות וואס דער רבי לערנט אונז אויס - די עצות וואס משיח וועט אריינברענגען אין די וועלט - און דעמאלט וועלן מיר טאקע זיין אויסגעלייזט.

# הער א מעשה

איבערלעבן א מעשה פון תפילה רופט ל. וועבערמאן 13 845-662-4083

## ל. וועבערמאן
### קרית ברסלב

1. אויפ'ן וועג ווען מ'פארט אריין צום שטעטל קרית ברסלב, האבן געוויסע מענטשן א שטיק צייט צוריק אויפגעשטעלט א צלם.

אזוי ווי איך קען די מעשה פון הייליגן רבי'ן, אז ער פלעגט אריבערגיין אין א פלאץ וואו ס'שטייט א גרויסע צלם, און געמאכט א מעשה פון תפילה אז ער וויל עס מער נישט זען, און דער אייבערשטער האט געהאלפן, ס'איז איין טאג אראפגעפאלן.

קודם ווייס איך אז ס'איז נישט גוט צו קוקן אויף די צלם. יעדע מאל איך בין דארט אריבערגעפארן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן צו פטור ווערן פון די צלם.

ס'האט נישט אויסגעזען ווי מ'קען עפעס טון אוועקצונעמען, ווייל די גוים קענען זיך שטארק אויפרעגן אויב זיי וועלן זיך דערוויסן אז איינער האט עס אראפגענומען.

איין טאג פאר איך דארט אריבער, און איך זע נישט מער און נישט ווייניגער אז די גאנצע פלאץ פון די צלם וואו די גוים האבן געמאכט שיין מיט בלומעלעך איז אינגאנצן צעשמעטערט.

זעט אויס אז א קאר האט אריינגעזעצט, און ברוך השם די צלם איז מער נישט דא. די בלומעלעך האבן זיי שיין צוריק אויפגעשטעלט, אבער די צלם האבן זיי נישט צוריקגעלייגט.

שכח אייבערשטער.

2. זעקס יאר צוריק ווען איך האב אריינגעמופט אין שטעטל קרית ברסלב, האט מען געבויט פאר מיר א נייע הויז.

איך דאנק נאך אלץ דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך אין די הויז וואס איז אזוי באקוועם און גוט.

איך האב באקומען אלעס וואס איך האב מתפלל געווען. דער אייבערשטער געבט פאר יעדן וואס ער דארף האבן.

איין זאך איז נישט געווען אינגאנצן גוט: ביי יעדע בית הכסא איז דא א קליינע פען אויפ'ן דאך. וואס דארף אפלופטערן עס זאל ווערן לופטיג

. די פענס האבן געהאט א דאקט אין דעם בוידעם וואס ציט זיך צו די גאס, אבער ס'איז נישט געווען אפן א לאך צו די גאס אז די לופט זאל קענען אריינקומען און ארויסגיין. אנשטאט לופט איז אריינגעקומען די שטויב פון דעם בוידעם.

יעדע שטיק צייט האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן עס צו קענען פארריכטן.

איך האב פרובירט עטליכע בעלי מלאכות. למעשה האט יעדער אפגעזאגט פון צו אננעמען די ארבעט, יעדער פאר א צווייטע סיבה. איך בין שוין געווארן מיד פון בעטן אזויפיל פאר דעם, אבער איך וויל האבן די פענס זאלן ארבעטן גוט, ס'זאל זיין לופטיג.

איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה פאר די בלעטל, און די ישועה איז געקומען פון אן אינטערעסאנטע וועג.

איך בין געווארן אפראווד צו באקומען א שטאטישע פראגראם וואס שיקט אראפ צו פארריכטן אפאר סארט זאכן אין די הויז, וואס וועט מאכן אז די קאסטן פון די לעקטער און די גאז זאל זיין ווייניגער.

זיי האבן געמאכט אסאך ארבעט אין דעם בוידעם צו לייגן אסאך אינסולעישאן, ס'זאל קאסטן ווייניגער די עיר קאנדישאן און די הייצונג. האב איך זיי געבעטן אויב זיי קענען אויך פארריכטן די פענס.

לויט זייער גרויסע קאמפאני איז דאס געווען ממש א קלייניגקייט.

איך האב גארנישט געדארפט צאלן פאר דעם, אלעס איז געווען באצאלט פון די שטאט.

שכח אייבערשטער פאר אונזער מתנה פון תפילה.

# פ. רוטה
## קרית ברסלב

1. איינער האט מיר געבעטן צו איבערגעבן א בעג פאר איינעם, און איך האב עס איבערגעגעבן.

למעשה האב איך שפעטער געהערט אז ס'איז נישט אנגעקומען. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל עס קענען טרעפן, ס'איז געווען א טייערע זאך.

איך האב געזאגט פאר'ן אייבערשטן אז איך גיי איבערגעבן א מעשה פון תפילה פאר די בלעטל. און ברוך השם איך האב היינט געהערט אז ס'איז יא אנגעקומען.

שכח אייבערשטער.

2. איך האב געדארפט איבערגעבן א בעג וואס איז געליגן אין דעם א שיך, למעשה איז עס ערגעץ געווארן פארלוירן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל וויסן וואו ס'ליגט, איך האב נישט געוואלט אז מ'זאל לכבוד דעם דארפן איבערקויפן די שיך, און שכח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן.

# ח. בלום
## קרית ברסלב

אזוי ווי רוב אידישע מאמעס, האב איך הנאה צו מאכן שיינע בילדער פון די קינדער.

איינמאל ווען איך האב געוואלט מאכן בילדער, זע איך אז די קעמערע איז צובראכן, און עס כאפט נישט אויף ווען מען לייגט אריין די SD קארד, עפעס אינעווייניג איז צעבויגן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל ווערן פארראכטן. איך האב גערופן די קאמפאני פרעגן אויב איך קען עס אריינשיקן צו פיקסן. "יא, זיכער" איז זייער ענטפער, אבער די פרייז וואס זיי געבן מיר שטימט בכלל נישט.

ס'איז שוין כמעט אזוי טייער ווי א נייע קעמערע, און איך בין נישט יעצט גרייט צו צאלן פאר א נייע.

יעדע מאל איך האב זיך דערמאנט פון די צעבראכענע קעמערע, האב איך צוגעלייגט נאך א תפילה. אפילו איך וויס נישט וויאזוי דער אייבערשטער וועט העלפן, קען איך זיך פארלאזן אז דער אייבערשטער האט גענוג עצות.

למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז פון די שטאטישע באקסעס פראגראם האב איך באקומען קרעדיט ביי א האוזוועער געשעפט אין מאנסי צו קענען קויפן קאכן געצייג. האט מען איין טאג געפלאנט א טריפ צו מאנסי.

זייענדיג דארט אין געשעפט, זע איך אן ארבעטער וואס שטייט דארט, און מענטשן ברענגען אים צו פאררעכטן צעבראכענע עלעקטראנישע זאכן.

פרעג איך אים צו ער וואלט געקענט פאררעכטן די פראבלעם אויף מיין קעמערע.

צו מיין איבערראשונג איז דער ענטפער געווען יא, ער האט עס שוין אסאך מאל געטון, און עס איז אים א גרינגע זאך, און די פרייז איז ממש אפאר דאלער.

ער קומט אין יענע געשעפט איינמאל א וואך, איך קען עס גערן אריינברענגען.

שכח אייבערשטער, איך האב געטראפן א וועג עס אריינצושיקן, און איך האב צוריקבאקומען מיין קעמערע ממש ווי ניי.

שכח אייבערשטער.

**האט איר א שיינע מעשה פון תפילה?**

**זייט מזכה נאך אידן און שיקט אריין אייער מעשה**

**845-662-4083**

# Napoleon Puffs

S. LEVY

Perfect dessert lekovid Shabbas Nachmy!

רעצעפּי פונדערהיים

## INGREDIENTS

10 pack yitzy's flaky dough
1 16 oz whip topping (Gefen or Haddar)
8 oz custard
Half box instant vanilla pudding
confectioners sugar and melted baking chocolate for garnish

## DIRECTIONS

Defrost flaky dough then cut each square in half creating 2 rectangles. Place on lined cookie sheet and bake on 375 for 20-25 min. Take out let cool few min then cut each rectangle through the center so you now have what looks like top and bottom of sandwich. Set aside.
Whip up whip then slowly fold in custard and pudding. Using a piping tip (1N from wilton is very pretty) pipe cream onto bottom half of puff then add other half of puff on top. Garnish with confectioners sugar and spritz with baking chocolate. Freezes beautifully serve semi frozen!



**שבת נחמו**

יא, ״שבת״ איז די טרייסט, היטן שבת איז גרעסער פונעם בויען דעם באשעפערס הויז.

די זעלבע שבת ווי ווען מען האט געהאט בשעת'ן בויען דעם משכן אין מדבר, וואס דעמאלט האט משה רבינו איבער געזאגט פונעם אייבערשטן צו די אידן אז שבת איז שטערקער] און מען טאר נישט טון קיין מלאכה צו בויען דעם משכן, די זעלבע שבת האבן מיר נאך היינט תשפ״ו.

לאמיר טאקע זיך טרייסטן מיטן שבת, צוגרייטן געשמאקע מאכלים לכבוד שבת.

ש. טראכטער




# איך בין זיך מוסר נפש פאר ברסלב?!

אִיך וויל אייך פרעגן אן אויפריכטיגע שאלה: זענט איר זיך מוסר נפש פאר ברסלב? גיט איר אוועק פון זיך כדי צו קענען לעבן מיט די עצות פון רבי'ן?

פאר זייער אסאך איז די שאלה א פתח וואס עפנט די גאנצע סיפור התקרבות, וואס איז אפטמאל פארוויקלט מיט ווייטאג, צער, בענקעניש, פארשעמונג און וואס נישט.

פאר אסאך איז דער ענטפער צו די שאלה נישט סתם א ווארט אדער צוויי, נאר א לאנגע לאנגע מגילה. אסאך ווילן ענטפערן מיט א הויך קול: "יא! איך האב זייער אסאך מקריב געווען צו קומען קיין ברסלב. איך האב אויפגעגעבן אויף... משפחה, פריינט, ארבעט, געזעלשאפט, אייגענע אינטערעסן, באקוועמליכקייט, א דירה (אויב איר האט געמופט...) און נאך."

ערלויבט מיר אבער אנצוכאפן דעם נושא פון "מסירת נפש" פון אן אנדערן שטאנדפונקט. איך מאך חלילה נישט אוועק די מניעות און אלעס וואס מען גייט אדורך; איך ערלויב זיך עס נאר צו שרייבן ווייל "בדידי הוה עובדא" - ביי מיר אליין האט עס פאסירט. און טאקע ווייל די אייגענער מח טראכט אויך אזוי, נעם איך די שטארקייט צו שרייבן

דערוועגן.

...

איך האב געהאט א נאנטע חבר'טע וואס האט חתונה געהאט ממש אפאר וואכן אפגערוקט פון מיר. זי איז געווען א וואוילע, ערליכע מיידל מיט לויטערע שאיפות. זי האט אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל האבן א מאן א בן תורה. זי פלעגט זיך אויס'משל'ן איר לעבן אלס א כולל-ווייבל וואס קען זיך ממש נישט ערלויבן קיין שום איבעריגע זאך, אבער אין געדאנק איז זי שוין געווען זייער פרייליך דערמיט. דאס האט זי געוואלט, און דאס איז אין אירע אויגן געווען "גליק".

דער אייבערשטער האט אבער אזוי געפירט, אז בלויז עטליכע חדשים נאך די חתונה איז איר מאן ארויס פון כולל און זיך ארייגעלאזט אין ביזנעס. ער האט זיך אריינגעווארפן ראשו ורובו; פון אינדערפרי ביז ביינאכט איז ער געווען אין די געיעג נאך געלט.

ער פלעגט אויך אפט אוועקפארן צוליב ביזנעס, און שפעטער, ווען די ביזנעס איז שיעור נישט צאמגעפאלן און די באנק איז אים נאכגעלאפן, איז ער געפארן שנעל אויף קברי צדיקים פועל'ן א ישועה.

אזוי האט זי זיך געטראפן א יונג ווייבל מיט צוויי קליינע קינדער, שווער פארפלארעט, פארסאפעט און אויסגעמוטשעט, אן קיין הילף פאר איר מאן, ווייל ער איז שטענדיג געווען פארנומען מיט די ביזנעס. ריכטיג, איר מאן האט געהאט אפאר דאלער... אבער... די פרייז איז געווען זייער הויעך.

איך האב ב"ה זוכה געווען אז מיין מאן איז אין יענע יארן געזעצן אין כולל. איין טאג בין איך געווען ספעציעל אפגעמאטערט נאכ'ן לויפן צו די ארבעט, מיטשלעפנדיג דריי קינדער (איך האב געדארפט זיין אין סקול פאר ניין אזייגער, דעריבער האב איך מיטגעברענגט די קינדער זיי ארויפצולייגן אויף די באסעס ביי די סקול בילדינג, און איין בעיבי האב איך אפגעשיקט צום בעיביסיטער).

אויפ'ן וועג אהיים פון סקול, מיד און אויסגעשעפט, האב איך געטראכט צו

דאן האט זיך ארייגעכאפט די מחשבה אז מיר זענען זיך באמת מוסר נפש פארן רבי'ן, פאר היכל הקודש. איך האב געטראכט צו מיר אז ווען איך וועל זוכה זיין צו גיין צום רבי'ן, וועל איך אים זאגן וואסארא מסירות נפש מיר האבן געהאט צו קומען צום רבי'ן?

זיך: "איך בין זיך באמת מוסר נפש פאר תורה. איך שטער נישט מיין מאן; אזוי אויך ביינאכט, אפילו איך וויל אביסל ארויסגיין, אבער אז מיין מאן האט א שיעור וועל איך אים נישט שטערן..."

איך האב זיך אליין געקרוינט מיט'ן "שלי ושלכם שלה"... אלעס איז מיין זכות!

איך קום אהיים און זעץ זיך אראפ פאר עטליכע מינוט. דער טעלעפאן צוקלינגט זיך. איך געב א בליק אויפ'ן קאלער איי-די און איך זע אז מיין חבר'טע רופט.

מיר האבן געפירט א פריינטליכע שמועס, און אינצווישן האט מיין חבר'טע אויסגעגאסן איר שווערע הארץ: ווי שווער זי ארבעט, וויאזוי איר מאן האט נישט קיין צייט איר צו העלפן, וויאזוי זי שלעפט זיך מיט צוויי קינדער צום דענטיסט און א דריטע בעיבי אין א וועגעלע ווייל איר מאן איז אזוי פארנומען מיט די ביזנעס און ער דארף יעדע שני וחמישי אוועקפארן... "און איך קען גארנישט זאגן," זאגט זי, "ווייל ער ארבעט דאך פאר אונז, ער אינוועסט יעצט פאר אונזער משפחה..."

איך האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן און עס האט מיר אויפגעבליצט א געדאנק אין מח. ארבעטן שווער מיינט מסירת נפש? ניין. דאס איז דאס לעבן. יעדער ארבעט, יעדער איז מיד, יעדער שפירט אויסגעשעפט. דאס הייסט נישט מסירת נפש, דאס הייסט "לעבן".

(און היינט, אז מען איז זוכה צו האבן דעם רבי'נס עצות פון התבודדות און תפילה, זאגט מען: "מען ארבעט נישט שווער, מען ארבעט אסאך; אבער מיט התבודדות ארבעט מען געשמאק!")

איך האב דאן געטראכט צו מיר: "מיין חבר'טע האט נישט קיין הילף ווייל איר מאן אינוועסט, און איך האב אויך נישט קיין הילף ווייל מיין מאן אינוועסט אויך... נאר שכח אייבערשטער (איך וויים נישט אויב איך האב דאן געגנוצט

דעם אויסדרוק!) אז מיין מאן אינוועסט אין זאכן וואס גייען נישט קראכן ווען די עקאנאמיע קראכט.

שכח אייבערשטער אז מיין מאן'ס אינוועסטמענט ווערט נישט אפעקטירט פון קאוויד אדער פון א שווערער עקאנאמישער צייט, און מיין מאן'ס געשעפטן קענען נישט באשווינדלט, באגנב'ט אדער פארמסר'ט ווערן."

זיך באמת מוסר נפש פארן רבי'ן, פאר ברסלב, און פאר היכל הקודש.

איך האב געטראכט צו מיר אז ווען איך וועל זוכה זיין צו גיין צום רבי'ן, וועל איך אים זאגן וואסארא מסירות נפש מיר האבן געהאט צו קומען צום רבי'ן און זיך האלטן צווישן דעם רבי'נס תלמידים.

עס איז אבער אריבער נאך אביסל

ווען איינער קומט אהיים פון א סוקסעספולע ביזנעס טריפ, אפילו אויב ער האט געשארט מיליאנען, איז ער אויך מיד און פארמאטערט.
דאס מיינט אבער נישט אז ער האט געהאט מסירת נפש פאר די מיליאנען.

ווען איך האב אנגעהויבן הערן שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, האב איך זיך געשפירט ווי איך האב געטראפן די טיר פון גן עדן אויף דער וועלט. עס איז געווען זייער געשמאק, א בחינה פון תורה וגדולה. איך האב געטראכט צו מיר: "זעט אויס אז מען קען יא טאנצן אויף צוויי חתונות!"

ביז... ביז עס האט זיך געענדיגט די ערשטע פאזע פון די זיסע חלומות. דאן האב איך געטראכט צו זיך: "זאל זיין וואס זאל זיין, פון אזא רבי'ן גייט מען נישט אוועק..."

שווער? אוודאי איז געווען שווער, זייער שווער. דאן האט זיך אריינגעכאפט די מחשבה אז מיר זענען

וואסער, און היינט וואונדער איך זיך: דאס הייסט מסירות נפש? דאס הייסט אן אינוועסטמענט. מיר קומען קיין ברסלב פאר אן אינוועסטמענט פארן שטוב; מיר אינוועסטירן אין אונזער עתיד און אין אונזערע דורות.

שווער? נסיונות? בזיונות? דאס זענען די פאדעם פון די סחורה וואס רופט זיך "לעבן!"

איינער האט מיר אמאל דערציילט, אז מען האט געזאגט פאר'ן ראש ישיבה אז ברסלב ברענגט זיי זייער אסאך סטרעס אין לעבן. דער ראש ישיבה האט נישט מסכים געווען דערצו; דער הייליגער רבי ברענגט נישט קיין סטרעס. דעם רבי'נס עצות מאכן נישט קיין לחץ. לחץ

און סטרעס וואלטן סייווי געווען, נאר פארקערט, מיט'ן רבי'נס עצות ווערט עס נאר שענער און בעסער, און מען ווערט ביסלעכווייז אויסגעלייזט.

יא, עס איז צומאל שווער. יא, עס איז צומאל ווייטאגליך, און אמאל אפילו זייער ווייטאגליך. אבער טייערע שוועסטער, איין פרוי ארבעט שווער ווייל איר מאן איז אין כולל, און א צווייטע ארבעט שווער ווייל איר מאן פארט קיין טשיינא אויפבויען א ביזנעס.

אשרינו שזכינו אז פון אונזער פלאג בלייבט נצחיות. רעד זיך נישט איין פאר קיין איין מינוט אז ביי דיין שוועסטער גלאנצט אלעס. טראכט נישט אז ביים שכן איז אלעס מסודר. א ראיה? קוק אויף דיר אליין. ביי דיר זעט אויך אלעס אויס פונדרויסן "פערפעקט", און נאר דו און דער אויבערשטער ווייסן דעם אמת.

א פרוי וואס האט פונדרויסן אויסגעזען ווי אלעס בליטשקעט ביי איר – קינדער, געלט, א וואוילער מאן, א שיינע משפחה, ממש אלעס – האט מיר אמאל געזאגט: "אויב איך וואלט נישט געווען 'איך אליין', וואלט איך מיר אויך מקנא געווען. נאר אזוי ווי איך בין איך, און איך ווייס דעם אמת וואס עס טוט זיך אפ ביי מיר, בין איך מיר נישט מקנא און איך בין קיינעם נישט מקנא!"

ווי רבי נתן האט אמאל געזאגט פאר רבי נחמן מ'טולטשין: "אויב מקנא זיין איז נאר דעם ערליכן איד, און אויב דו ביסט דער ערליכער איד, דאן בין איך דיר מקנא."

איך בין זיך נישט מוסר נפש צו קומען צום רבי'ן. איך בין זיך נישט מוסר נפש צו שיקן מיין מאן קיין אומאן. איך בין זיך נישט מוסר נפש צו שיקן די קינדער אין א מוסד וואס וועט זיי מאכן פאר

ערליכע אידן "אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד" (ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז פון יעדע שמועס וואס ער שמועסט קען מען ווערן אן ערליכער איד אזוי ווי ער מיינט אן ערליכער איד).

אויב דאס מיינט נישט מסירת נפש, דאן, וואס איז יא מסירת נפש? איך ווייס נישט. דאס וועלן מיר איבערלאזן פאר די תלמידי חכמים אין בית המדרש דורכצואקערן און דן זיין דערויף.

מיר האבן באקומען א געלעגנהייט, א מתנה, א זכיה, אן "אפפער". דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעוועלט זיינע לייט.

אין א שמועס מיט א חבר'טע מאנשי שלומינו האבן מיר זיך מחי' געווען, אשרינו שזכינו! וואס קענען מיר זאגן? וואס קענען מיר מסביר זיין? מען קען נישט מסביר זיין פאר א מענטש דעם גוטן געפיל פון לעבן מיט'ן אייבערשטן; מיר קענען עס נישט אנטאפן מיט די הענט און זאגן "אט דאס איז דער חילוק פון א לעבן מיט התבודדות!" מיר קענען זיך נאר מחי' זיין, אשרינו שזכינו.

אבער לאמיר זיין רעאליסטיש. וואס טוט זיך אבער יא מיט "שוועריגקייטן און אומאנגענעמליכקייט וואס רוקט זיך אונטער?"

מיר ווייסן דאך פון רבי'ן אז א מענטש קען זיין בעל הבית אויף זיינע מחשבות און א מענטש קען נישט טראכטן צוויי מחשבות אויף איינמאל, מילא איז גוט ווען דער מענטש טראכט גוטע מחשבות, אזוי גייען די נישט גוטע מחשבות אוועק פון זיך אליינס.

איז וויאזוי קען מען אנקוקן די "שוועריגקייטן" וואס קומען אונטער... אויב נישט מסירת נפש.... וואס יא?

איינער האט מיר אמאל געזאגט אז זי קוקט אן די "דורכגאנג" (פון ברסלב) ווי טלטול הדרך, די אויסגעמוטשעטקייט וואס מען שפירט אויף די וועגן. ווען איינער קומט אהיים פון א סוקסעספולע ביזנעס טריפ, אפילו אויב ער האט געשארט מיליאנען, איז ער אויך מיד און פארמאטערט. דאס מיינט אבער נישט אז ער האט געהאט מסירת נפש פאר די מיליאנען.

די געדאנק האט מיר זייער מחזק געווען. און ווידער האב איך געטראכט, "יעדער מוטשעט זיך. וואויל איז מיר אז דאס איז מיין פלאג."

ריכטיג, דעם רבי'נס זאך קומט מיט חבלי לידה, ביי איינעם מער ביי איינעם אסאך מער... און ביי איינעם ווייניגער, אבער דאס איז א זכות, ווייל אז מיר טראכטן באמת אריין זעען מיר אז יעדער גייט אריבער וואס עס גייט אים אריבער....!

שוועסטער, אנשטאט זיך צו באטראכטן ווי א בעלת מסירת נפש (מיר רעדן אויב מען באטראכט עס מיט א נעגעטיווי טאן...), לאמיר זיך בעסער אויפהייבן און גיין א טענצל: אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר אויסגעוועלט פון אזויפיל אנדערע, והבדילנו מן הטועים, ווי ברסלב'ע חסידים זאגן צוויי מאל!

שכח אייבערשטער אז מיר זענען אידישע קינדער, און שכח אייבערשטער אז מיר קריגן נישט אויפ'ן הייליגן רבי'ן און מיר לעבן מיט'ן רבי'ן.

דיסקלעימער: דאס מיינט נישט ח"ו אז מען באַרעכטיגט נישט די געפילן. פארקערט, געפילן זענען דא און זענען גאר שטארק, און ווי מיר ווייסן פון חז"ל לפום צערא אגרא, לויט די צער, אזוי איז די שכר...

די וועג אריין צו קדושה איז פול מיט מניעות, אבער ווי דער הייליגער רבי האט אונז שוין געגעבן א וועג דורך התבודדות ווערט פון מניעות "נעימות" (זיס).

דורך התבודדות דארף מען און זאל מען עס אויסגעבן. דאס האט דער הייליגער רבי געוואלט פון אונז. דאס איז וויכטיג און געזונט, און ווען נויטיג געט מען זיך אויס אויך מיט א געשמאקע שיחת חברים; נאר מיט די צייט און מיט התבודדות איז מען זוכה איבערצודרייען די געפילן פון צער צו שמחה, וואס דעמאלטס פאלן רוב מניעות אוועק פון זיך אליינס.

אט שטייען מיר פאר שבת נחמו. דא איז מרומז דעם הייליגן רבי'נס נאמען וואס ער שטארקט אונז און אונז מחזק. ער הייבט אונז אויף און ברענגט אונז צו הויעכע מדריגות.

אשרינו שוועסטער אז דאס איז אונזער פלאג, אשרינו אז מיר זענען זוכה אז דאס איז אונזער "אומבאקוועמליכקייט", אז מיר הארעווען פאר נצחיות, פאר עפעס וואס בלייבט לנצח.

ווען אונזערע זון און מענער ענדיגן א מסכת זאגן זיי "אנו עמלים, והם עמלים...." אלע פלאגן זיך. שכח אייבערשטער אז מיר פלאגן זיך און מיר באקומען דערויף שכר. אונזער שכר איז שוין דא אויף די וועלט.

דער רבי געבט אונז א לעבן וואס סאיז "א לעבן" א לעבן מיט אמונה, מיט שמחה, מיט מנוחה, ווייל אז מען נעמט אריין דעם אייבערשטן דאן איז נאר גוט!

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## א בית המקדש אין קאפ

אין די ניין טעג פון אב, חודש,
בעטן מיר "ובנה ירושלים עיר הקודש".
דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט פון מוהרא"ש,
אז אין די אייגענע קאפ איז בנין בית המקדש.

מיט א גאנצע אמונה פונעם אייבערשטן מען ווייסט,
שפירט מען שוין פון גלות אויסגעלייזט.
מען לעבט מיט דעם, אלעס איז אייבערשטער בלויז,
בויט זיך אין קאפ דעם אייבערשטנ'ס הויז.

"מי שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו".
ווער ס'האט אין זיך פארשטאנד,
בויט ער עס אויף אין זיינע טעג היינט.
וואס איז פארשטאנד? וואס איז דאס דעה?
ווען מען איז זיך מיט אמונה מחיה.

"אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו".
מיט'ן הייליגן רבין וועלן אלע פונעם אייבערשטן וויסן.
דורך נוצן זיין עצה פון רעדן און שמועסן.

ווען איז עס א חורבן הבית פונקט פארקערט?
ווען מ'צוברעכט זיך ווי מ'איז גארנישט ווערד.
איך פיל נישט מ'הערט אויס מיינע תפילות.
דער אייבערשטער, **מיין** עבודה וויל עס?

זיין ווייט פונעם אייבערשטן איז ביטער ווי א זית,
דאס איז חורבן המקדש, חורבן הבית.

דאס איז דער היינטיגער דור'ס נסיון,
דעם בית המקדש אין מח אויפבויען.

מיט'ן הייליגן רבינ'ס עצות דו ביסט מסוגל,
צו בויען צוביסלעך א ציגל נאך ציגל.
נקודות טובות, מיט וואס בין איך בעסער?
און דער ביהמ"ק אין מח ווערט אלץ גרעסער.

נעמט צאם, וואס איז אין מח צו ווארפן.
דער אייבערשטער טוט דווקא דיך דארפן.
האסט געטון עפעס גוטע נקודות?
וואו! applause, און פריי זיך מיט עס.

*איך גיס אפ נעגל וואסער מיינע הענט,*
*די בית המקדש בויעט זיך נאך א פראצענט.*
*שכח אייבערשטער, מיינע קינדער לערנען משניות,*
*איך פריי מיר און בוי דעם אייבערשטנ'ס בית.*
*אז איך גיי אנגעטון בצניעות,*
*קען איך נעמען פון דעם חיות.*
*א נקודות טובות צעטל אנטוויקל.*
*בויט דעם בית המקדש שטיקל ביי שטיקל.*

"באשעפער, בוי אויף אין מיר ירושלים,
איך זאל לעבן מיט דעם אז אלעס איז מן השמים.
געב מיר אויגן ווייכע, נישט שטרענגע,
איך זאל **מיין** בית המקדש אראפברענגען".

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ג. פעקעטע

נשי שלומינו זענען מלא ענערגיע פאר א פרישע קאמפיין פאר דאס וואס איך באקום א גאנץ יאר. אבער מיט הארץ.

# איך טו עס פאר מיר

***זונטאג אינדערפרי, א' עקב, פ"ה.***

שוין, נישטא וואס צוווארטן, לאמיר זיך נעמען צו די ארבעט, פרובירן די בעסטע וואס איך קען העלפן פאר די קאמפיין. איך גיי אנהייבן מיין טאג פרי כדי צו אויסנוצן די צייט ריכטיג. אבער לאמיך קודם כאפן א קורצע דרימל, און גלייך נאכדעם זיך נעמען צו די פאון.

***צוועלף דרייסיג.***

אוי, שוין א האלבע טאג פארביי! דריי אזייגער קומט מיין באס. לאמיך זען, איך גיי אנהייבן מאכן די ערשטע פאון קאל. מיט וועם הייב איך אן? איין מינוט, פאר איך רוף אריין, לאמיך קודם אריינלייגן א load אין די וואש-מאשין, זאל כאטשיג זיך ביז דערווייל דרייען. איך סארטיר טונקל פון ליכטיג און הייב אן אנפילן די מאשין.

"מאמי, וואס קען איך היינט טון?" פרעגט מיין טאכטער, bored אויף דעם זונטאג. מען טראכט אהין אהער, רעכטס לינקס, ארויף אראפ, ביז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט זי זיך צוגעכאפט צו איינע פון די גוטע עצות און געגאנגען זיך באשעפטיגן און פארברענגען איר לאנגווייליגע זונטאג נאכמיטאג.

'נו, נעם זיך צו די ארבעט', קלער איך.

ס'איז שוין אדורך נאך צען פופצן מינוט. 'הייב אויף די טעלעפאן און הייב אן מאכן קאללס'. איך נעם די טעלעפאן און איך הייב אן קוקן מיינע קאנטעקטס.

וואו הייבט מען אן? וועם רופט מען ערשט? איך וויל אנהייבן מיט א גוטע טעם, ס'זאל מיר געבן א געשמאק און א שטופ ווייטער צו אנגיין מיט'ן ארויסהעלפן די ברסלב'ע קאמפיין.

אה, זי איז א גוטע עצה. לאמיך רופן מיין קרובה, זי וואס האט לעצטע יאר געגעבן אזא שיינע נדבה, ווייל איר זיידע, וואס האט זיך פאררופן פאר א ברסלב'ער, האט אויסגעהערט די רוף פון דעם צדיק רבי אברהם בן ר' נחמן פאר די ביטערע קריג אז אייראפע ברענט, און אנטלאפן צו ארץ ישראל, און אזוי געראטעוועט זיין משפחה. זי וועט מיר זיכער שיין געבן, קלער איך צו זיך.

איך לויף צו די פושקע און לייג אריין א פרוטה מיט א קורצע תפילה. "הייליגער באשעפער, העלף איך זאל האבן גרויס הצלחה, יעדער וועם איך רוף זאל שיין מנדב זיין, און מיך אויפנעמען העפליך".

צוריק צום טעלעפאן.

לאמיך איר שוין קאלן! איך הייב אויף די פאון, און איך זוך אויף איר נאמבער. רינג.... איינס, צוויי, דריי, "איר זענט אנגעקומען צו די וואויסמעיל פון... ביטע לאזט א מעסעדזש".

זאל איך אראפהאקן, אדער זאל איך בלייבן ווארטן און איבערלאזן א מעסעדזש? לאמיך שנעל טראכטן, וואס איז ענדערש, זי זאל וויסן די סיבה פון מיין רוף, אדער זי זאל בלייבן בלויז נייגעריג און פון דעם גאר מיך צוריקרופן? ווייסט וואס? לאמיך זיין א מענטש. "העלא, איך קאל דיך באגריסן, און איך וואלט געקענט באשטיין צו רעדן מיט דיר אויב דו האסט אפאר מינוט. ביטע רוף מיך צוריק. 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9. ביי."

שוין, מיין פנים פאלט אביסל, אבער איך גיי מיך נישט לאזן צוברעכן פון די קלייניגקייט. זי וועט מיך זיכער צוריקרופן ביז עטליכע מינוטן.

'אוי, וואס איז דא פאר נאכטמאל היינט? לאמיך ארויסנעמען שנעל פלייש, עס אויפלאזן אין א שיסל וואסער, ביז דערווייל איך מאך מיינע רופן זאל זיך עס אויפלאזן אז איך זאל עס קענען באלד בראטן אויפן גריל, א שנעלע סאפער, עס זאל נישט נעמען צופיל צייט פון מיר יעצט, איך זאל קענען מאכן נאך אפאר רופן פאר די באס קומט שוין'.

מ'האלט שוין א קוואדער צו איינס, וואו איז געלאפן די שעה? לאמיך זיך שנעל נעמען צו די ארבעט.

איך דערמאן זיך, לעצטע יאר האב איך באקומען א הערליכע נדבה פון מיין מומע. זי איז בכלל נישט אזוי בעל הבית'יש, אבער איך בין געווען זייער איבערראשט און איבערגענומען פון איר ברייטהארציגע נדבה פון הונדערט דאלער. ס'איז מיר אריינגעקומען אויף מיין פעידש ממש אלס א שאק. איך האב עס בכלל נישט ערווארטעט פון איר. ווען איך האב איר גערופן, און זי האט מיר צוריקגעזאגט "שיק מיך א לינק" האב איך אפילו נישט געטראכט אז זי וועט מיר געבן סיי וואס.

"העלא, מיין טייערע מומע, וואס מאכסטו?" רוף איך איר אריין. "אה, וואס הערט זיך? וויאזוי גייט דיין זומער? וויאזוי פארברענגסטו?"

מיר האבן זיך שיין באגריסט, און איך האב איר אויסגעפרעגט איבער איר זומער וואקאציע, וואס איז א זאך וואס זי פירט זיך שוין יארן צו גיין. וויבאלד איר מאן איז א געטרייער מלמד דורכאויס די יאר, נעמט זי אפאר וואכן אין די זומער איר וואקאציע, ווי זי רוט זיך אפ אויף א שטילע ארט.

זי האט מיר פארציילט פון נארט קאראליינע, פון די שיינע וועטערס, די הערליכע הימל און וואסער, די שול ווי זיי האבן זיך באקענט מיט וואוילע אידן, און וויאזוי זי האט זיך איינגעפאקט עסן צו האבן כשר'ס מיט זיך. אויך ווי זיי האבן געמאכט א סטאפ אין באלטימאר איבער שבת ביי א ווייטע קרובה, און איינגעקויפט נאך אביסל דארטן אין די געשעפט, און אזוי ווייטער געפארן צו זייער וואקאציע. ס'האט מיר באלד אנגעהויבן שמעקן, אבער ווען איך האב נאר געטראכט פון איינפאקן און איינפרירן און שלעפן אזוי פיל עסן און פארן אזא לאנגע ווייטע וועג, איז מיר שוין די אפעטיט ארויס.

"יעצט", זאג איך איר, "איך געדענק אז לעצטע יאר האסטו געגעבן א הערליכע נדבה פאר די ברסלב'ע קאמפיין. אפשר ווילסטו דיך נאכאמאל משתתף זיין?"

"איך וועל טון די בעסטע וואס איך קען," ענטפערט זי מיר צוריק. מיין מח האט שוין געזען א צענער און איך האב אנגעהויבן אביסל אראפקריכן פון די הויכע בוים פון וואו איך האב אנגעהויבן מיין טאג אינדערפרי, וואס איך האב געטראכט אז ס'וועט אריינרינען הונדערטערס, און ביז אפאר מינוט וועל איך זיין פארטיג מיט מיין גאול.

"איך שלעפ נאך צען טויזנט דאלאר חובות פון חתונה מאכן לעצטע מאל", זאגט זי מיר. איך האב איר געזאגט אז "דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט קענען גרינגערהייט באצאלן די פאריגע חתונה און די קומענדיגע חתונה", איך האב באמת געשפירט שלעכט פאר'ן איר בעטן א נדבה, אבער דאך, דער רבי זאגט, "ביי וועם איך נעם, געב איך." דאס שטופט מיר אנצוגיין מיט מיינע בקשות און קלינגעריי צו פריינט און משפחה, ווייל איך בין דאך זיי מזכה מיט די מצוה.

יעצט איז שוין דער זייגער טיף

אינמיטן איינסע. וועם רוף איך נעקסט? איך בין שוין געווען אביסל אנטוישט פון די ערשטע צוויי רופן וואס איך האב ערווארטעט צו מאכן גרינג און שנעל געלט, און דא טרעף איך זיך אן גארנישט. "שיק מיר א לינק", האט זי צוגעענדיגט, און איך האב איר עס טאקע געשיקט מיט ווייניג האפענונג.

לאמיר גיין ווייטער. וועם נאך קען איך פרובירן? איך דרוק אריין אין די קאנטעקטס, און איך הייב אן דרוקן די קנעפל ס'זאל ארויף סקראלן. איך לאז עס אזוי לויפן ביז איך זע א נאמען.

אה, טובי! טובי האט מיך הערליך שיין אויפגענומען פאריאר ווען איך האב איר גערופן בעטן א נדבה. זי האט זיך אפילו שטילערהייט מודה געווען אז איר מאן ברענגט אהיים "די צעטלער", ווי זי רופט עס אן, פון שול, און ס'זעט אויס זייער צו די זאך. איינס, צוויי, דריי... קלינג, און טובי האט נישט אויפגעהויבן. איר וואויסמעיל איז פול.

וועם רוף איך יעצט?

נעבן טובי אין מיינע קאנטעקטס איז געווען נאך א טובי. איך געדענק נישט פון פאריאר צו זי האט מיר יא אדער נישט געגעבן א נדבה, אבער איך קלער צו זיך, לאמיך פרובירן. איך בין נישט געווען אין די גוסטע איר אנצורופן, איך האב נישט צופיל מיט איר, חוץ פון די איינמאל א יאר ווען איך רוף איר פאר די קאמפיין.

ס'האט מיך אנגעכאפט א שוואכקייט, איך האב געטראכט צו זיך, איך קען איר נישט רופן, ס'איז גרויסע בושות. איך גיי איר אבער שיקן א טעקסט. איך שיק איר א מעסעדזש. ס'איז שוין 1:54. "העלא טובי, וואס מאכסטו? וויאזוי פארברענגסטו דיין זומער?"

ביז אפאר מינוט האט זי צוריקגעשריבן, "ברוך השם, פיין. און וויאזוי גייט עס ביי דיר? וואס מאכסטו?" איך בין געווען אזוי פרייליך אז איך האב באקומען אן ענטפער אויף מיין מעסעדזש. איך האב געצויגן די שמועס אזוי עטליכע מינוט אהין און צוריק, וואו פארברענגסטו? אין וועלכע קאנטרי ביסטו? האסט הנאה? האסט חבר'טעס? און אזוי ווייטער. און דאן האב איך איר געפרעגט, שיין און פשוט, "אפשר וואלסטו געוואלט אריינגיין אין די ראפפעל פאר די ברסלב'ע קאמפיין?" און איך האב איר געשריבן די דיטעילס.

ס'איז געווארן שטיל פאר אפאר מינוט, און איך בין ביזדערווייל געגאנגען מאכן נאך א טעלעפאן רוף. אבער ערגעץ אינצווישן האב איך באקומען א מעסעדזש: "דו האסט באקומען א דאונעישאן פון טובי, $50." איך האב זיך געריבן מיינע אויגן אויב איך זע גוט.

'אזוי?' מענטשן שטייען און ווארטן אז איך זאל זיי רופן, אדער אפילו שיקן א פערזענליכע טעקסט וואו איך אינטערעסיר זיך, און איך שמועס מיט איר אפאר מינוט, און שוין זאל זי ארויסגעבן א פופציגער?' עפעס א זכות האט זי דא, עפעס ליגט אונטער דעם, איך ווייס נישט וואס. אבער זי וועט זיכער מרוויח זיין פון דעם.

ווייטער, איך רוף אן חני. חני האט זייער ליב צו שמועסן, מ'דארף איר נאר באגריסן און זי פארט גלייך אריין אין א הייוועי' אן קיין עקזיטס פון א שמועס איבער וואס ס'ליגט איר יעצט אויפ'ן מח. "העלא חני, וואס טוט זיך?" פרעג איך איר.

זי האט אנגעהויבן פארציילן וויאזוי זי פארברענגט איר זומער, וואו זי איז שוין אלץ געווען, וואס זי האט שוין אלץ געטון, און וואס זי פלאנט נאך אריינצוכאפן דעם זומער.

ביז דערווייל האב איך שוין געקענט איבערלייגן די וועש, אריינלייגן נאך א לאוד, און אויפהענגען די נאסע וועש. אויך האב איך שוין געקענט ענדיגן און אוועקפאקן די דישעס וואס האבן זיך געטרוקענט נאך פון מוצאי שבת, און אנגרייטן אויפ'ן טיש גלעזלעך טרינקען פאר די אויסגעדורשטע קינדער וואס וועלן




שוין אט אט אהיימקומען. און חני האלט נאך אלץ אינמיטן רעדן און פארציילן פון אירע אלע אויספלוגן וואו זי האט פארברענגט דעם זומער.

"יעצט," זאגט זי מיר, "גרייט איך מיר שוין פאר די נייע יאר. ס'איז דאך שוין נאך תשעה באב. איך לויף אין אלע געשעפטן, איך האב דאך ליב צו כאפן ווי לאנג ס'איז דא סייזעס. און אויך וויל איך אז מיין גאנצע משפחה זאל זיין אייניג אנגעטון, דארף איך דאך


בעזהשי"ת
אין די נאמען פון קרן הבנין מוסדות היכל הקודש ברסלב טוען מיר אפגעבן אווארימע
ברכת מזל טוב
פאר הנגיד הטפסר בונה ומקים עולמות של תורה
מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו
וזוגתו מרת אסתר רחל תחי'
וואס שטייען אלס בראש ווען ס'קומט צו העלפן בויען דעם רבינ'ס מוסדות ובפרט ביים בויען, אוועקשטעלן און מנדב זיין
'בנין אברהם שבתי ואסתר רחל מזרחי'
אויף 39 טשעסנאט אז אונזערע קינדער זאלן קענען לערנען און שטייגן בתורה וביראת שמים.
לרגל די שידוך שליסן פון זיין טאכטער
הכלה תחי' עב"ג
הבה"ח חיים שלמה קריכמאן נ"י
דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען נחת ביי אלע דיינע קינדער געזונטערהייט און דו זאלסט אייביג קענען ווייטער משמש זיין און העלפן דעם רבין.
וואונטשט,
*sruliHeskel


תלמוד תורה היכל הקודש
מוסדות
בנשיאות
קרן הבנין

זיין אין יעדע געשעפט צו וויסן פונקטליך וואס יעדער איינער האט אריינגעברענגט פאר די נייע סעזאן, און אזוי קען איך דאן מחליט זיין וואס צו קויפן, לויט די לעצטע מאדע״.

ביי איר שפילט נישט געלט א ראלע, קוקט אויס. אדער איר מאן'ס שווערע הארץ דריקעניש.

איך האב פרובירט ארײנשטופן אפאר ווערטער און זיך אריינקוועטשן מיין וועג ארויף אויף איר הייוועי. ״איך קאל פאר די יערליכע קאמפיין צוזאמענעמען געלט פאר ברסלב״, האב איך איר ארויסגעזאגט. ״זיכער, שור, דו ווילסט נעמען א קארטל?״ ענטפערט זי מיר.

איך האב גענומען די קארטל און זיך געפריידט מיט די ברייט-הארציגע דאפעלטע ח״י. שכח אייבערשטער, עפעס קומט אריין.

די דאפעלטע ח״י האט מיר געקאסט נאך א האלבע שעה וואס איך האב געקענט ענדיגן צוגרייטן די צושפייז פאר נאכטמאל, ביז זי האט געהערט ווי איך רוף אויס ״א גוטן טאג״ האט זי פארשטאנען אז מיין צייט האט זיך אויסגענוצט, און מיר האבן זיך פריינטליך געזעגנט, מיט וואונטשן, ״לאמיר ווייטער רעדן א צווייטע מאל.״

שכח אייבערשטער, ס'האט זיך אנגעקלעבט אביסל געלט אין די צייט וואס איך האב אוועקגעגעבן, אבער מער ווי די פאר דאלער האב איך קלאר געוואוסט האט זיך אנגעקלעבט מיינע זכותים.

דער רבי זאגט דאך אז ס'איז א גרויסע ענין, א גרויסע זאך, צו גיין נאך צדקה אין די פיר עקן פון שטאט. ווער וואלט געגלייבט אז ס'איז אזוי פשוט אנצוקומען פון איין עק שטאט ביז'ן צווייטן מיט בלויז א טעלעפאן רוף?

שכח אייבערשטער, אז מיט דעם קען איך מתקן זיין, און אפקומען, און ארויסהעלפן, אין איין וועגס.

***7:30 ביינאכט.***

איך זיץ ביי מיין קליין 6 יעריג קינד'ס בעט שוין נאך שמע ישראל, א גוטע נאכט, און נאכאמאל א טרינק, און נאכאמאל עפעס פארגעסן, עפעס זיך דערמאנט, און לייג דיך אראפ שעפעלע, מארגן וועסטו ווייטער קענען פארציילן.

ניין, איך טרייב איבער, עכט איז געווען אכט דרייסיג.

איך נעם ווידער די טעלעפאן. וואו גייט מען ווייטער? אה, ס'איז אריינגעקומען א מעסעדזש פון די קרובה וואס איך האב אזוי ארויסגעקוקט אויף איר ברייט הארציגע נדבה, ווי זי שרייבט מיר צוריק, ״איך זעה אז דו האסט מיר גערופן, וואס קען איך דיר העלפן?״ ס'איז מיר נישט אזוי געפאלן די טעקסט, איך וואלט ענדערש געוואלט רעדן מיט איר פערזענליך, אבער שוין, צייט איז דאך באגרעניצט אויך.

אז זי שרייבט מיר, וועל איך איר צוריק שרייבן, ״איך נעם צוזאם געלט פאר די ברסלב'ע קאמפיין, אפשר ווילסטו מנדב זיין? איך געדענק פאריאר האסטו געגעבן א הערליך שיינע נדבה, און דאס וועט אייך בלייבן פאר א זכות פאר אייביג.״

ווייסט וואס איז צוריק געקומען פון איר???

איך ווייס אויך נישט, ווייל ס'איז נאך גארנישט צוריק געקומען. אבער דער אייבערשטער האט גענוג וועגן און גענוג גוטע שלוחים. איך מאך נאך א תפילה, ״הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל ווייטער מצליח זיין מיט די צייט.״

רבקי האט נישט אויפגעהויבן מאנטאג נאכט, אבער דינסטאג האב איך איר געכאפט אין א קאר אויפ'ן וועג צו אן אפוינטמענט. ״וואס מאכסטו? וואס טוט זיך?״ פרעגט זי מיר געאיילטערהייט. איך האב נישט ליב גלייך צו באוואשן יענעם, ״אפשר ווילסטו מנדב זיין געלט פאר א קאמפיין?״ איך האב זיי ליב קודם צו מאכן א גוטע געפיל, און זיך אינטערעסירן אין זייער לעבן, און דאן, ווען דער מענטש איז שוין פרייליך און אויפגעלייגט ווייל איינער האט זיך אין זיי אינטערעסירט און זיי אויסגעהערט, געבן זיי גערן א נדבה. איך האב געשפירט ווי אדער מאך איך עס, אדער פארליר איך עס דא מיט רבקי.

איך האב זיך דערמאנט אז רבקי האט קינדער וואס טראגן די זעלבע יוניפארם ווי מיינע קינדער. ״רבקי,״ געב איך איר א פרעג, ״איך האב פונקט נעכטן איבערגעקוקט די יוניפארמס און באמערקט אז איך האב אפאר איבעריגע העמדער. אפשר קענסטו הנאה האבן פון זיי? דו קענסט נוצן א סייז צען?״ פרעג איך איר.

״אה, איך האב פונקט געקוקט טאקע אויף די יוניפארמס,״ ענטפערט זי מיר צוריק, ״און איך דארף עס דורכגיין און דורכקוקן, אבער שכח פאר מיר פרעגן. אפשר - איך וועל דיך לאזן וויסן אויב ס'איז מיר אינטערעסאנט.״

די איילעניש אין איר שטימע האט זיך שוין בארואיגט, און ס'האט אויסגעזען ווי זי איז געווען גרייט אויף א לענגערע שמועס.

"וויאזוי גייט דיין זומער?" האב איך איר געפרעגט. זי האט אנגעהויבן פארציילן ווי געשמאק ס'איז אז זי האט ברוך השם אונטער איר הויז א פארק וואו די קינדער קענען הנאה האבן און פארברענגען.

"ס'איז ממש אונטן די הויז וואו זי וואוינט," איז זי מיר מסביר, "סאו אירע קינדער זענען מער ווייניג אונטער איר באזיץ. ווען זי קוקט ארויס פון איר קאך פענסטער, קען זי זען אלע אירע קינדער שפילן אין די פראנט פון איר הויז מיט א געיט. אבער חוץ פון דעם, האט זי אז מ'קען ציוואקן פון הונטער די הויז צו די נעקסטע זייט גאס, אן דארפן אריבערגיין די ראוד, וואו דארט איז דא א גרויסע פארק וואו די קינדער קענען לענגער פארברענגען, און פון דעם האט זי זייער הנאה."

מיר זענען אריין אין א שמועס פון וואוינען אין א גרויסע בילדינג קאנדאוס, אדער פריוואט, און אזוי ארום גערעדט וויאזוי מ'האלט אן אויג אויף די קינדער און וויאזוי מ'ברענגט זיי אריין צו שלאפן גיין. דאן האב איך איר געבעטן פאר א נדבה, און זי האט מיר אויך זייער שיין מנדב געווען, טאקע ווייניגער ווי לעצטעס יאר, אבער די זכות האט זי געכאפט. שכח אייבערשטער פאר דעם!

ווען איך האב גערעדט מיט גיטי, האב איך זיך אינטערעסירט ביי איר וויאזוי ס'גייט אלס באבע. זי האט דאך יעצט זוכה געווען צו איר ערשטן אייניקל. "אזוי אזוי", האט זי געזאגט מיט א שטיקל קרעכץ אין די שטימע.

איך האב זיך געוואונדערט דערויף, אבער איך האב שנעל געכאפט וואס די ווייטאג איז. ס'איז דאך איר עלטסטע אייניקל, געבוירן ביי איר זון. קוקט אויס אז זי וואלט ווען הנאה געהאט צו קענען זען אדער פארברענגען מיט איר נייע אייניקל מער אפט. וויבאלד ס'איז דאך איר שניר, שפירט זי זיך אביסל ארויסגעלאזט און ווי זי זעט נישט גענוג דאס נייע זיס לעכטיג קינד.

שמועסנ'דיג דערוועגן האב איך איר אריינגעווארפן אז מ'קען זיך פון דעם אויך עפעס לערנען, כאטשיג וועלן מיר וויסן וויאזוי צו מחנך זיין אונזערע טעכטער. אז ווען זיי ווערן עלטער, האבן חתונה, זאלן זיי זיך אפגעבן מיט די פולסטע מאס כבוד און דרך ארץ צו די שוויגער, און זיי שטענדיג מכיר טוב זיין, געדענקען, רופן, און מיטטיילן מיט זיי פון די לעבן, אוודאי נאר די זיסע נייעס'לעך און נחת'לעך, ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז שטענדיג דעם קריטישן שכל.

"שיק מיר א לינק," האט גיטי צוגעענדיגט, "איך דארף נעמען נאך א קאל, איך וועל דיר אריינווארפן וואס איך קען."

אזוי זענען געגאנגען די טעלעפאן קאללס.

איך ווייס נישט אויב דו ווילסט ווייטער הערן, דו האסט דאך דיינע אייגענע, אבער שכח אייבערשטער, אביסל אביסל.

"רוף מיר צוריק מארגן, איך וועל פרעגן מיין מאן, איך ווייס נישט אויב איך האב איבריגע געלט פון מעשר יעצט, מיין מאן איז נישט אויף אן ארבעט, וועל איך אים פרעגן וואס איך קען טון," און אזוי ווייטער, זענען געווען פון די עטליכע ענטפערס.

אבער מיט תפילות צום אייבערשטן און א שטארקע הכרת הטוב פארן ראש ישיבה, האט זיך אנגעזאמלט א שיין ביסל פולע שיסל פאר די נשי חיל קאמפיין.

בשעת איך בין געווען אויפ'ן טעלעפאן מיט מיין אלטע שכנ'טע חוה, זע איך ווי חיה שרי רופט מיך אריין. "חוה, דו מוזט מיר געבן איין מינוט," האב איך איר אריינגעהאקט אינמיטן א געשמאקע שמועס, וואו מיר האבן זיך דערמאנט פון די אלטע זכרונות ווען מיר האבן צוזאמען פארברענגט.

"העלא," זאגט חיה שרי, מיין קאפיטאן "וויאזוי גייט עס? וואו האלטסטו?" איך האב שוין דאן געוואוסט וואס עס מיינט פאר א פארנומענע מאמע צו רופן, און איך האב שיין פריינטליך אויפגענומען חיה שרי אויכעט. זי האט דאך א דאפעלטע ארבעט, סיי זי נעמט צוזאם, און סיי זי נעמט צוזאם נאך פרויען פון אנשי שלומינו זאלן טון דאס מערסטע וואס מעגליך פאר די קאמפיין, קומט זיך דאך איר אויך א גוט ווארט, ניין?

איך האב שוין פארשטאנען וויאזוי עס פילט, און איר באדאנקט פאר זיך אינטערעסירן, און איר געלאזט וויסן אז אלעס איז אין ארדענונג.

איך לויף צירוק צום אנדערע ליין מיט חוה, ס'נישט צופיל צייט פארבליבן. דו צייט רוקט זיך... ס'איז א race against the clock....

**"איך טו עס פאר מיר"**


דְרַאמַאטִישֶׁע קָאמִיקְס פָּארְזֶעצוּנְג אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִי"ה.
האַלט אַייךְ גֶעשְׁפַּאַנְט!


קינדער
היים
דעם רבינ׳ס חדר:
גענצליך
פארברייטערט


ברעכנדע
קאמיקס
מעלדונג

# דעם רבינ'ס חדר



וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך דעם בילד?



## שיחה אין בילד

## מילתא דבדיחותא

אין שטעטל, צווישן איין הויז צום צווייטן איז דא... גראז, אין שטאט, צווישן איין הויז צום צווייטן איז דא....נאך א הויז!

---

אמאל האט א אידישע קאר סערוויס דרייווער געטראגן א איד צו א חתונה, דער איד האט געבעטן דעם דרייווער צוווארטן 2 שעה נעבן זאל און ער זאל אים דערנאך אהיים טראגן. אזוי ווארטענדיג האט די דרייווער געוואלט כאפן א דרימל, ער פרובירט זיך צו מאכן באקוועם און ער שלאפט ענדליך איין. נאך 3 מינוט שלאפן קלאפט איינער אויפן פענסטער "איך ווייסט אפשר וויפיל אזייגער עס איז?" דער דרייווער ענטפערט "עס איז 9 אזייגער"... דער דרייווער פלאגט זיך נאכאמאל איינצושלאפן, ענדליך נאך בערך א האלבע שעה שלאפט ער איין און א צווייטער קלאפט אויפן פענסטער... "איר ווייסט אפשר וויפיל אזייגער עס איז?" דער דרייווער ענטפערט "עס איז 9:30 אזייגער"... די דרייווער איז שוין גאר ברוגז. ער נעמט א פאפיר און שרייבט מיט גרויסע אותיות 'איך ווייס נישט וויפיל אזייגער עס איז!' און ער קלעבט עס ארויף אויפן פענסטער פונים קאר. ענדליך נאך בערך א האלבע שעה שלאפט ער נאכאמאל איין און איינער געבט א קלאפ אויפן פענסטער "עס איז 10:00"!....

## ספר המדות'ל

### אֲכִילָה

**ח. הַדָּגִים שְׁמֵנִים בִּזְכוּת הַקָּרְבָּנוֹת.**

דִּי פִּישׁ וֶוערְן פֶּעט אוּן גֶעשְׁמַאק, אִין זְכוּת פוּן דִי קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב.

## בחידה טובה

**1. ווי קען מען טרעפן ביי תפילת שחרית אין צוויי באזינדערע פלעצער 5 ווערטער אין א צו וואס הייבן זיך אן מיט די אות 'א'?**

---

**2. וועלכע זאך ווען עס איז יונג האט עס ווייסע האר און ווען עס איז אלט האט עס שווארצע האר?**

---

1. אמר אויב ארדוף אשיג אחלק (שירה), אפסי ארץ אמת
אשרי איש (עזרת)

2. א הבדלה לעכט

## ר' אלחנן'ס שאלה

**וואס האט א משולח, א סטודיא ארבעטער, מיט א שדכן?**

ביידע שטעלן צאם סינגלס...

# יאָרצייט

דער הייליגער
**אר"י הקדוש**
זי"ע

יארצייט:
ה' אב

**פאַרגאַנגענעם זונטאג ה' אָב איז געפאַלן די יאָרצייט פון דעם הייליגן אַר"י הַקָּדוֹשׁ, רַבֵּינוּ יִצְחָק לוּרְיָא זצ"ל.**

אין יְרוּשָׁלַיִם האָט געוואוינט אַ איד, אַ גְרויסער צַדִיק און אַ יְרֵא שָׁמַיִם, און זיין ווייב איז אויך געווען אַ גרויסע צַדֶיקת. זיי האָבן געהאט אַסאַך געלט און פלעגן געבן אַסאַך צְדָקָה, אָבער איין זאַך האָט זיי געפעלט: זיי האָבן ליידער נישט געהאט קיין קינדער. זיי פלעגן שטענדיג בעטן דעם אייבערשטן און דאַווענען אַז זיי זאָלן זוֹכֶה זיין צו האָבן קינדער.

ווען רֶבּי שְׁלֹמֹה איז שוין געווען אַן עלטערער איד, האָט ער זיך איין נאַכט געחָלוֹמְ'ט אַז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא קוּמט צו אים און זאָגט אים אַז זייערע תְּפִלּוֹת זענען אָנגענומען געוואָרן. אֵלִיָהוּ הַנָבִיא האָט אים געזאָגט אַז אין אַ יאָר אַרום וועט זיין פרוי געבוירן אַ קינד וואס וועט באַלייכטן די וועלט מיט זיין חָכְמָה און הייליגקייט. "ווען עס וועט קומען די צייט פונעם בְּרִית, זאָלסטו קיינעם נישט לאָזן מַל זיין דאָס קינד ביז איך וועל קומען," האָט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אים אָנגעזאָגט.

רֶבּי שְׁלֹמֹה האָט זיך אויפגעוועקט מיט גרויס שִׂמְחָה און דערציילט פאַר זיין ווייב איבער דעם חָלוֹם. און פונקט ווי ער האָט זיך געחָלוֹמְ'ט, אַזוֹי האָט פּאַסירט; אַ יאָר שפּעטער איז אים געבוירן געוואָרן אַ זון. ווען עס איז געקומען דער אַכטער טאָג, האָט מען זיך געגרייט צו מאַכן דעם בְּרִית און מען האָט גערופן אַלע ערליכע רַבָּנִים פון שטאָט. דער טאַטע, רֶבּי שְׁלֹמֹה, האָט גענומען פאַר זיך די מִצְוָה פון "סַנְדָּק" - דאָס מיינט דער וואס האַלט דאָס קינד ביים בְּרִית.

אַלעס איז שוין גרייט, אָבער דער טאַטע פונעם ניי-געבוירן קינד זאָגט אַז מען קען נאָכנישט פראַווען דעם בְּרִית. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און עס זעט אויס ווי ער וואַרט אויף איינעם, אָבער קיינער ווייסט נישט אויף וועמען ער וואַרט.

פלוצלינג האָט ער געזען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא. אֵלִיָהוּ הַנָבִיא איז צוגעקומען צו אים און געזאָגט: "גיי זעץ דיך אויפן בענקל און האַלט דאָס קינד." דאַן האָט זיך אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אַראָפגעזעצט און איבערגענומען דאָס קינד. קיינער פון די געסט האָט נישט געזען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא, און אַלע האָבן געמיינט אַז דער טאַטע האַלט דאָס קינד; זיי האָבן נישט געוואוסט אַז בֶּאֱמֶת איז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא געווען דער סַנְדָּק פונעם קינד. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן יִצְחָק.

נאָכן בְּרִית האָט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא געזאָגט צום טאַטן: "נעם דאָס קינד אין דיינע הענט און געדענק אים צו שעצן, ווייל ער וועט זיין אַ גרויסער און הייליגער ליכט פאַר די גאַנצע וועלט."

ווען ער איז געווען אַ קליין קינד האָט ער געלערנט זייער פלייסיג, פונקט ווי איינער וואס איז זייער הונגעריג.

דער ראֹשׁ יְשִׁיבָה זאָגט כְּסֵדֶר נאָך פונעם הייליגן רֶבּי'ן, אַז דעם רֶבּי'נס דֶרֶךְ הַלִימוּד מאַכט אַז אַ מענטש זאָל ווערן מַמָשׁ ווי 'הונגעריג' צו לערנען נאָך און נאָך תּוֹרָה; און איינמאָל די תּוֹרָה באַווייזט זיך שוין פאַרן מענטש, וויל מען נאָר איין זאַך: לערנען נאָך און נאָך תּוֹרָה.

רֶבּי שְׁלֹמֹה האָט זייער אָפּגעהיטן דאָס הייליגע קינד. ער האָט אים געהיטן אַז ער זאָל נישט זען קיין שלעכטס אָדער שמוץ חַס וְשָׁלוֹם, ווייל אַז מען היט די אויגן, האָט מען ריינע מַחֲשָׁבוֹת און מען קען אויסוואַקסן אַ גרויסער צַדִיק.

נאָך אַ שטיק צייט האָט רֶבּי שְׁלֹמֹה אָנגעהויבן צו פאַרלירן זיין געלט מער און מער. ער איז מער נישט געווען קיין עוֹשֶׁר, נאָר ער איז געוואָרן אַ גרויסער אָרימאַן.

ווען יִצְחָק איז אַלט געווען צען יאָר, איז זיין טאַטע פלוצלינג נִפְטָר געוואָרן. די אַלְמָנָה איז געבליבן אַליינס מיט איר יונגן יָתוֹם, אָן קיין שום געלט.

עס זענען געווען ערליכע און רייכע מענטשן אין יְרוּשָׁלַיִם וואס האָבן איר געוואָלט געבן געלט זי זאָל קענען לעבן מיט רואיגקייט, אָבער די צַדֶיקת האָט נישט געוואָלט לעבן פון צְדָקָה. זי האָט שווער געאַרבעט צו פאַרדינען אַפּאָר דאָלער, און אַזוֹי האָט זי געהאט אַביסל עסן פאַר זיך און פאַר איר איינציג קינד.

נאָך אַ שטיק צייט האָט די מאַמע געזאָגט פאַר איר זון: "יִצְחָק'ל, מיר זענען אַצינד זייער פאַראָרימט, און דערצו בין איך שוואַך און קראַנק. איך וויל נישט נעמען צְדָקָה פון מענטשן, און דיר וויל איך זיכער

נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַ פְּלַאן... אִיךְ הָאבּ אַ רַייכְן בְּרוּדֶער וָואס וואוֹינְט אִין 'אַלֶעקְסַאנְדְרִיֶע'. אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ פַארְן צוּ אִים אוּן עֶר וֶועט דִיר אוֹיסְהַאלְטְן. דוּ וֶועסְט דָארְט לֶערְנֶען אִין דִי בַּארִימְטֶע יְשִׁיבָה פוּן רֶבִּי בְּצַלְאֵל אַשְׁכְּנַזִי."

יִצְחָק הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּנֶעם יְרוּשָׁלַיִמ'עֶר רָב. דֶער רָב הָאט מִיט אִים מִיטְגֶעשִׁיקְט אַ פַארְמַאכְטֶע בְּרִיוו וָואס עֶר זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, רֶבִּי בְּצַלְאֵל. דֶער יְרוּשָׁלַיִמעֶר רָב הָאט אִים גֶעוואוּנְטְשְׁן אַ גְלִיקְלִיכֶע רֵייזֶע, עֶר זָאל שְׁטַייגְן אִין תּוֹרָה אוּן הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים. וֶוען דֶער רָב הָאט אִים גֶעוואוּנְטְשְׁן אֲרִיכוּת יָמִים הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט שוֹין דַאן גֶעוואוּסְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט לֶעבְּן צוּ לַאנְג (עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בַּיי דִי 38 יָאר, פּוּנְקְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי).

וֶוען יִצְחָק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אֲלֶכְּסַנְדְּרִיָּא שֶׁבְּמִצְרַיִם, הָאט אִים זַיין פֶעטֶער אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶבִּי בְּצַלְאֵל אוּן זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם בְּרִיוו. וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיוו הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן בְּרֵייט גֶעעֶפְנְט; עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט וואוּנְדֶער אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין בֶּענְקְל לְכָבוֹד דֶעם יוּנְגְן קִינְד, אוּן גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים אִין לֶערְנֶען. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַארְוואוּנְדֶערְט צוּ זֶען אַזָא יוּנְג קִינְד וָואס אִיז אַזָא גָאוֹן אִין תּוֹרָה. עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם פֶעטֶער: "דָאס וָואס דֶער רָב הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִים אִיז נִישְׁט קַיין הַאלְבּ פוּן וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת. אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז דָאס קִינְד הָאט אוֹיף זִיךְ אַ גֶעטְלִיכֶע לִיכְט וָואס מֶען הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט פוּנֶעם הִימְל אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זְכוּת צוּ הָאבְּן אַזָא קִינְד בַּיי זִיךְ."

וֶוען דֶער פֶעטֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען יִצְחָקְ'ן אוּן אִים גֶעקוּשְׁט. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען פַאר גְרוֹיס שִׂמְחָה. אוֹיךְ הָאט עֶר אִים גֶענֵייט נֵייעֶ קְלֵיידֶער אוּן אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד (לְכָבוֹד דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט).

יִצְחָק אִיז גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג; עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט. פִילֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פְלֶעגְן קוּמֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּן אִים אוּן אִים פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁוֶועֶרֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן דֶער קְלֵיינֶער יִצְחָק הָאט זֵיי אַלֶעס פַארְעֶנְטְפֶערְט.

דֶערְוַוייל אִיז דִי אַלְמָנָה, יִצְחָקְ'ס מַאמֶע, גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִיר אֵיינְצִיג קִינְד. פוּן גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט אִיז זִי קְרַאנְק גֶעוָוארְן. וֶוען יִצְחָק הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר דֶערְפוּן. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם פֶעטֶער עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען דִי מַאמֶע וואוֹינֶען בַּיי אִים, כְּדֵי זִי זָאל פַארְאֵיינִיגְט וֶוערְן מִיט אִיר אֵיינְצִיג קִינְד.

דֶער פֶעטֶער הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן; דִי מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אִיר זוּן. אַזוֹי אִיז אִיר שִׂמְחָה גֶעוָוארְן גַאנְץ, אוּן אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט דֶעם נַחַת אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן נְשָׁמָה.

דֶער פֶעטֶער, ר' מָרְדְּכַי, הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער וָואס אִיז אַלְט גֶעוֶוען גֶענוֹי ווִי זַיין פְלוּמֶענִיק יִצְחָק. זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בַּעֲלַת מִדוֹת אוּן הָאט גֶעהַאט אַלֶע מַעֲלוֹת. מֶען הָאט אִיר אָנְגֶעטְרָאגְן גָאר שֵׁיינֶע אוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים, אָבֶּער ר' מָרְדְּכַי הָאט גֶעוואוּסְט אַז קַיין בֶּעסֶערְן פוּן יִצְחָק וֶועט עֶר נִישְׁט טְרֶעפְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מֵיידְל הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן אוֹיךְ יִצְחָק מִיט זַיין מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיטְ'ן שִׁידוּךְ, ווִיסְנְדִיג אַז זִי אִיז אַן אֵיידֶעלֶע אוּן עֶרְלִיכֶע מֵיידְל.

בַּיי דִי פוּפְצְן יָאר הָאבְּן זֵיי חֲתוּנָה גֶעהַאט. ווִי נָאר עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין לֶערְנֶען, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה. רֶבִּי יִצְחָק הָאט גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעלֶערְנְט פִיל תּוֹרָה אָן דֶעם וָואס אַנְדֶערֶע זָאלְן אֲפִילוּ ווִיסְן דֶערְפוּן.

גָאר שְׁנֶעל אִיז אָבֶּער זַיין נָאמֶען פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן, אוּן אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט שְׁאֵלוֹת, בֶּעטְן בְּרָכוֹת אוּן נֶעמֶען עֵצוֹת. זַיינֶע בְּרָכוֹת זֶענֶען אַלֶעמָאל מְקוּיָּם גֶעוָוארְן; טוֹיזְנְטֶער קְרַאנְקֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן, אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ זַיינֶע בְּרָכוֹת.

### מְבַטֵל שְׁוֶוערְע גְּזֵירָה אוֹיף אִידְן

אִין דַּמֶּשֶׂק, דִי הוֹיפְּטְשְׁטָאט פוּן סִירְיֶע, הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ פַּאשַׁא (אַזוֹי ווִי אַ קֶענִיג) וָואס הָאט זֵייעֶר גֶעגְלוּסְט נָאךְ גֶעלְט. נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִיפִיל גֶעלְט עֶר הָאט גֶעהַאט, הָאט עֶר אַלֶעמָאל גֶעוָואלְט נָאךְ אוּן נָאךְ. עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן, וַוייל עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעטְרַאכְט אַז עֶר קֶען הָאבְּן נָאךְ מֶער.

דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין דַּמֶּשֶׂק זֶענֶען גֶעוֶוען רַייכֶע לַייט, אוּן דָאס הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי קִנְאָה פוּנֶעם פַּאשַׁא. עֶר הָאט גֶעגְלוּסְט צוּ הָאבְּן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי אִידְן.

אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶערוּפְן דִי אַלֶע חָשׁוּבְ'עֶ אִידְן פוּן שְׁטָאט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: "עֶטְץ זֶענְטְס מִיר שׁוּלְדִיג גָאר אַסַאךְ גֶעלְט!"

"מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג," הָאבְּן דִי אִידְן גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט שְׁרֶעק.

דֶער פַּאשַׁא אִיז אַרַיין אִין אַ כַּעַס אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אַוַודַאי זֶענְט אִיר מִיר שׁוּלְדִיג. אִיךְ בִּין אַן אוּר-אֵיינִיקְל פוּן הָמָן הָרָשָׁע. עֶר הָאט אָפְּגֶעצֵיילְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ צֶען טוֹיזְנְט שְׁטִיק זִילְבֶּער, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם אָפְּקוֹיפְן דִי זְכוּת צוּ הַרְגְ'עֶנֶען אַלֶע אִידְן. אָבֶּער דֶערְנָאךְ אִיז גֶעקוּמֶען אֶסְתֵּר, וָואס זִי אִיז אַ אִיד, אוּן זִי הָאט מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע גְזֵירָה. צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען מַיין זֵיידֶע אוֹיף אַ תְּלִיָּה אוּן צוּגֶענוּמֶען זַיין הוֹיז אוּן זַיין פַארְמֶעגְן. דֶערְפַאר קוּם אִיךְ יֶעצְט

# יאָרצייטן
## פון אב

דער הייליגער
## אר"י הקדוש
זי"ע

יארצייט:
ה' אב

אַהער און אִיךְ פָאדֶער פוּן אַייךְ... אִיךְ וִויל צוּרִיקְבַּאקוּמֶען מַיין זֵיידֶע'ס יְרוּשָׁה! אִיךְ פָאדֶער אַז אִיר מוּזְט מִיר אָפְּצָאלְן דִי צֶען טוֹיזְנְט שְׁטִיקֶער זִילְבֶּער, און אוֹיבּ אִיר וֶועט עֶס נִישְׁט בַּאצָאלְן בִּיז חוֹדֶשׁ אֲדָר, וֶועל אִיךְ אוֹיסְפִירְן דָאס וָואס מַיין זֵיידֶע הָאט גֶעוָואלְט; אִיךְ וֶועל הַרְגְ'עֶנֶען אַלֶע אִידְן."

דִי אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען און בֶּעטְן בַּיים פַּאשַׁא: "אֲפִילוּ אוֹיבּ מִיר וֶועלְן צוּנוֹיפְנֶעמֶען דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן אַלֶע אִידְן, וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ צֶען טוֹיזְנְט זִילְבֶּערְנֶע שְׁטִיק. עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ!"

אָבֶּער דֶער רָשָׁע הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן. "אָדֶער דִי צֶען טוֹיזְנְט זִילְבֶּערְנֶע שְׁטִיק, אָדֶער מֶען הַרְגְ'עֶט אַלֶע אִידְן."

וָואס טוּט אַ אִיד וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה? מֶען שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דִי אִידְן פוּן דַּמֶּשֶׂק הָאבְּן זִיךְ צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אִין דִי שׁוּלְן און הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, שְׁרַייעֶן און בֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל צֶעשְׁטֶערְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה פוּן דֶעם רָשָׁע.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ, וֶועלְכֶער הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט צְפַת, הָאט אַלֶעס גֶעזֶען מִיט זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, און עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו מִיט חִיזוּק פַאר דִי אִידְן אִין דַּמֶּשֶׂק. דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט זֵיי מוּסָר גֶעזָאגְט אַז דִי גְזֵירָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, און אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט דִי גְזֵירָה צֶערִיסְן וֶוערְן. דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט זוּכְן קַיין גֶעלְט, נָאר אַנְשְׁטָאט דֶעם זָאלְן זֵיי זוּכְן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

מִיר וֵוייסְן אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער אַ צָרָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ אָדֶער פַאר אַ כְּלַל, דַארְף מֶען עֶרְשְׁט זוּכְן וָואס תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּנְז אוֹיפְצוּוֶועקְן און צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּ תּוֹרָה און מִצְוֹת.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן פוּן דַּמֶּשֶׂק פוּן זֵייעֶר צָרָה. עֶר הָאט גֶערֶעדְט גוּטְס אוֹיף דִי אִידְן און גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי טוּעֶן עֲבֵירוֹת נָאר וַוייל זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אִין גָלוּת צְוִוישְׁן דִי גוֹיִם און לֶערְנֶען זִיךְ נֶעבֶּעךְ אָפּ פוּן זֵיי. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם גָלוּת פוּן דִי אִידְן, וֶועלְן זֵיי אַלֶע גְלַייךְ תְּשׁוּבָה טוּן.

אַ צַדִיק רֶעדְט כְּסֵדֶר גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אַזוֹי וֶועקְט עֶר אוֹיף דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, הָאט זִיךְ דֶער רָשָׁע, דֶער פַּאשַׁא, גֶע'חָלוֹמְ'ט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגְן חָלוֹם.

עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר שְׁטֵייט אִין אַ גְרוֹיסְן מַארְק אִין דַּמֶּשֶׂק, און עֶר זֶעט דָארְט אַ הוֹיכֶע גְרוֹיסֶע תְּלִיָּה וָואס אִיז הוֹיךְ פוּפְצִיג אַיילְן. עֶר גִיט אַ קוּק אוֹיף דֶער תְּלִיָּה און עֶר זֶעט אַז דָארְט הֶענְגֶען עֶלְף מֶענְטְשְׁן, און אֵיין פְּלַאץ אִיז נָאךְ לֵיידִיג, גְרֵייט צוּ נֶעמֶען נָאךְ אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער תְּלִיָּה.

"וֶוער זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן?" הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אִין חָלוֹם. פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר אַ קוֹל וָואס לַאכְט אִים אוֹיס: "דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער דָאס אִיז? דָאס אִיז דַיין זֵיידֶע הָמָן מִיט זַיינֶע צֶען קִינְדֶער. און דָאס אֵיין לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אִיז פַאר דִיר."

וִוי נָאר דֶער פַּאשַׁא הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען און זִיךְ בֶּעטְן: "הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר!" עֶר הָאט וִוידֶער גֶעהֶערְט וִוי מֶען לַאכְט פוּן אִים: "רָשָׁע! וִויאַזוֹי וַואגְסְטוּ זִיךְ צוּ בֶּעטְן רַחְמָנוּת, וֶוען דוּ אַלֵיין הָאסְט נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת אוֹיף אַ גַאנְצֶע פָאלְק און דוּ בִּיסְט גְרֵייט זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אַבִּיסְל גֶעלְט?"

דֶער רָשָׁע הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אִידִישֶׁער גָאט נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער. "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט טוּן וָואס מִיר וֶועלְן דִיר זָאגְן, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן," הֶערְט עֶר אַ קוֹל.

"אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען נֶעבְּן דַיין זֵיידֶע, פָאלְג אַלֶעס אוֹיס. נֶעם אַ שְׁטִיקְל פַּארְמֶעט און שְׁרַייבּ דֶערוֹיף אַז דִי אִידְן הָאבְּן דִיר שׁוֹין בַּאצָאלְט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט און זֵיי זֶענֶען דִיר גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער אִיז דִי גַאנְצֶע גְזֵירָה בָּטֵל, און דִי אִידְן קֶענֶען רוּאִיג בְּלַייבְּן אִין זֵייעֶר שְׁטָאט."

דֶער פַּאשַׁא הָאט אַזוֹי גֶעטוּן אִין חָלוֹם און אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן. וִוי נָאר עֶר הָאט דָאס אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן, אִיז גֶעקוּמֶען אַ וִוינְט און אַוֶועקְגֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם צֶעטְל.

וֶוען דֶער פַּאשַׁא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: "עֶה, עֶס אִיז סַךְ הַכֹּל גֶעוֶוען אַ חָלוֹם, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אֱמֶת."

אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חָלוֹם. דֶער וִוינְט הָאט גֶענוּמֶען דֶעם צֶעטְל אוּן עֶס גֶעשְׁלֶעפְּט בִּיז צְפַת צוּם הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ, וֶועלְכֶער הָאט נָאךְ דַאן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי אִידְן פוּן דַּמֶּשֶׂק. דֶער צֶעטְל אִיז אַרַיינְגֶעפְלוֹיגְן אִין צִימֶער פוּן דֶעם צַדִיק אוּן גֶעפַאלְן נֶעבְּן זַיינֶע פִּיס.

וִוי נָאר דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעזֶען, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם צֶעטְל אוּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דִי אִידְן אִין סִירְיֶע, קַיין דַּמֶּשֶׂק, אוּן זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן אַז זֵיי זָאלְן הַאלְטְן דֶעם צֶעטְל בְּסוֹד בִּיז חוֹדֶשׁ אֲדָר. עֶר הָאט זֵיי גֶעשְׁרִיבְּן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, נָאר וֶוען דֶער פַּאשַׁא וֶועט זֵיי רוּפְן, זָאלְן זֵיי מִיטְנֶעמֶען דֶעם צֶעטְל אוּן עֶס וַוייזְן פַארְן פַּאשַׁא.

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען חוֹדֶשׁ אֲדָר אוּן דֶער פַּאשַׁא רוּפְט דִי אִידְן אוּן שְׁרֵייט מִיט כַּעַס: "הָאט אִיר שׁוֹין דָאס גֶעלְט פַאר מִיר?! אוֹיבּ נִישְׁט, גֵייט מֶען אַייךְ אַלֶע הַרְגְ'עֶנֶען!"

דִי אִידְן הָאבְּן דַאן רוּאִיגֶערְהֵייט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם צֶעטְל אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם פַּאשַׁא: "דֶער פַּאשַׁא דֶערְקֶענְט דִי אוּנְטֶערְשְׁרִיפְט?"

וֶוען דֶער פַּאשַׁא הָאט גֶעזֶען דֶעם צֶעטְל, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ זֶע אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָארְגְט זִיךְ פַאר זַיינֶע אִידְן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען אַ חָלוֹם, אָבֶּער יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אֱמֶת. גֵייט אַהֵיים אוּן זָארְגְט זִיךְ נִישְׁט, דִי גְזֵירָה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן."

דִי אִידְן פוּן סִירְיֶע הָאבְּן יֶענֶע יָאר גֶעפֵייעֶרְט אַ דָאפְּלְטְן פּוּרִים, אַז זֵיי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּנֶעם הָמָן פוּן זֵייעֶר דוֹר!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט אִין זְכוּת פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק.

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**



# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן

מֶענְדִי דֶערְצֵיילְט: שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי זוּמֶער. עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן.

יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן הָאבְּן מִיר סְפֶּעצִיעֶלֶע דֶעי קֶעמְפּ נָאךְ חֵדֶר. צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ גֵייעֶן מִיר שְׁוִוימֶען, אוּן דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי טֶעג פַארְבְּרֶענְגֶען מִיר גֶעשְׁמַאק. גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייעֶן מִיר שְׁוִוימֶען יֶעדֶע מָאנְטָאג, אָבֶּער אֵיין וָואךְ הָאט מֶען אוּנְז גֶעזָאגְט אַז דִי וָואךְ וֶועט מֶען גֵיין שְׁוִוימֶען דִינְסְטָאג.

צוּפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג, אוּן שֵׁיין גֶע'חַזֶר'ט דִי לִימוּדִים. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען נָאכְמִיטָאג, דִי צַייט פוּן דִי קֶעמְפּ, זֶענֶען מִיר אַלֶע אַרַיין אִין דִי לָאנְטְשׁ רוּם.

דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים הָאט אוּנְז אָפְּגֶעוַואְרט מִיט אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג. עֶר הָאט אוּנְז גֶעמָאלְדְן אַז דִי בָּאסֶעס וַוארְטְן אוּן מִיר פָּארְן עֶרְגֶעץ. אוֹי, הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט. מִיר הָאבְּן אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אוּנְזֶער מֵיינוּנְג וואו מִיר פָּארְן.

מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶע לֵיידִיגֶע פֶעלְד. אִינְדֶערְמִיטְן אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט צְוֵויי הוֹיכֶע לֵייטֶערְס אוּן אַ שְׁטְרִיק פוּן אֵיין לֵייטֶער צוּם אַנְדֶערְן.

מִיר הָאבְּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיפְן גְרָאז אוּן גֶעוַוארְט מִיט שְׁפַּאנוּנְג. מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס מִיר וֶועלְן דָא זֶען.

פְּלוּצְלִינְג קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֶענְטְשׁ אוּן הֵייבְּט אָן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף אַ לֵייטֶער. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיבְן, הָאט עֶר צוּ אַלֶעמֶענְס שְׁטוֹינוּנְג זִיךְ גֶענוּמֶען וָואקְן אוֹיפְ'ן שְׁטְרִיק.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוֶוען זִיכֶער צוּ אִיךְ חָלוֹם אָדֶער עֶס גֶעשֶׁעט עֶכְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואקְט הוֹיךְ אוֹיף אַ שְׁטְרִיק.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען אֵיין טְרִיט אוֹיף אַמָאל בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוּן אַרָאפְּגֶעקְרָאכְן פוּן דִי לֵייטֶער. נָאךְ אֵיידֶער מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט כאפְּן אוּנְזֶער אָטֶעם, זֶעעֶן מִיר ווי עֶר קְרִיכְט שׁוֹין וִוידֶער אַרוֹיף, אוּן דָאסְמָאל הַאלְט עֶר אַ בֶּענְקְל. עֶר נֶעמְט זִיךְ וָואקְן אוֹיפְ'ן שְׁטְרִיק, הַאלְטְנְדִיג דִי בֶּענְקְל.

נָאךְ אַפָּאר טְרִיט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי בֶּענְקְל אוֹיפְ'ן שְׁטְרִיק אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף עֶס. מִיר הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל.

אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעזֶען פַארְשִׁידֶענֶע קוּנְצְן וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט אוֹיפְ'ן שְׁטְרִיק.

נָאךְ אַ גֶעשְׁמַאקֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה זֶענֶען מִיר צוּרִיקְגֶעפָארְן צוּ אוּנְזֶער חֵדֶר.

"קִינְדֶער," הָאט דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים אוֹיסְגֶערוּפְן הוֹיךְ אוֹיפְ'ן

ח. צ. גליק

מֵייק, "וֶוער טְרַאכְט אַז עֶר קֶען אוֹיךְ וָואקְן אוֹיף אַ שְׁטְרִיק?"

אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "עֶה? קֵיינְמָאל נִישְׁט! עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער! אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט! עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ!"

"קִינְדֶערְלֶעךְ," הָאט דֶער רֹאשׁ הַמַּדְרִיכִים וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט, "עֶנְק טְרַאכְטְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אֵיין טָאג אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטְרִיק אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען וָואקְן אוֹיף עֶס? וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן כְּדֵי צוּ קֶענֶען מַאכְן דִי קוּנְץ?" יָארְן צוּרִיק הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ וָואקְן אוֹיף אַ דִינֶע זַאךְ. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וָואקְן אוּן אַרָאפְּגֶעפַאלְן, נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן וָואקְן אוּן וִוידֶער גֶעפַאלְן, בִּיז עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעקֶענְט וָואקְן אוֹיף דִי דִינֶע זַאךְ. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ וָואקְן אוֹיף אַ דִינֶערֶע פְּלַאץ. עֶר אִיז גֶעפַאלְן אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז עֶר קֶען שׁוֹין הַיינְט וָואקְן הוֹיךְ אוֹיפְ'ן שְׁטְרִיק.

וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס? מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן! מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער אוּן דִי יֵצֶר הָרָע רֶעדְט דִיר אֵיין צוּ אוֹיפְגֶעבְּן.

לְמָשָׁל, דוּ הָאסְט נִישְׁט כֹּחַ מִיטְצוּהַאלְטְן דִי חוּמָשׁ אִין קְלַאס, דוּ טְשֶׁעפֶּעסְט צוּמָאל אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אָדֶער עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער צוּ פָאלְגְן דַיין מַאמֶע, בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.



# מיט  תפלה

## בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף



# שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער




געמאלן דורך: **ר׳ וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון ״קול ברסלב״ האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.

# קליין און שיין


אדי היימליך


אליעזר שלמה וועבערמאן


חי' אסתר הײלפרין


יושע'לע שטיינבערג


משפחת כץ


נחמן פעלדמאן


נתי אפפענהיים


ערשטע קלאס בית פיגא שטעטל


פייגעלע פרידריך


קעמפ בית פייגל

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**מען פארט שוין באלד אויף אומאן!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ד | ג | פ | ט | ש | ק | פ | צ |
| ב | ג | ע | ז | א | ג | ט | נ | ש |
| ש | ת | ל | ר | ה | ש | נ | ה | ר |
| ח | ל | ה | י | ב | מ | ר | ה | ש |
| י | ק | ד | צ | ע | י | ו | א | ט |
| ל | י | ש | ע | י | ב | א | ה | ב |
| ש | פ | ד | מ | ר | צ | ל | ד | ע |
| ק | ת | ג | י | ט | ט | ה | ס | ל |
| צ | ש | נ | ר | צ | ע | י | י | מ |
| ר | כ | א | י | ז | ע | א | ה | כ |
| נ | א | ט | ר | פ | ס | ל | צ | ב |
| ל | ג | ש | ל | כ | ו | מ | ה | ג |
| א | צ | ל | פ | ע | ט | נ | כ | ה |
| ז | ג | ש | כ | כ | ש | ס | ו | ת |
| ק | ג | ג | ר | ה | ז | פ | ז | ב |
| ב | א | י | ר | ס | א | י | נ | ג |
| ר | י | ז | נ | ע | ס | ט | י | ד |
| ר | ס | י | ז | ע | ס | ח | ל | נ |
| ל | ח | ח | ל | י | ר | ע | ש | א |
| ג | נ | א | צ | ו | ה | ש | ר | ש |

דער רבי האט געזאגט: „הָראשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זיין ביי מיר ראש השנה איז גרעסער פון אלעס.

*(עצתו אמונה חקת תשע"ח)*

דעם מאנטאג

# נשי חיל

עס איז
אונז א
כבוד
אייך צו
לאדענען
צו
אונזער
יערליכע
אווענט
מיט

וואס
וועט
אי״ה
פארקומען

ווי א רייכע מאלצייט וועט
סערווירט ווערן, הערליכע
מתנות פאר די פאריעריגע
רעיזערס וועלן פארטיילט
ווערן, און א העכסט
אינטערעסאנטע פראגראם
וועט אייך איבערנעמען.

דעם מאנטאג 8:00 אווענט
07/27 39 טשעסטנאט

מיט הארץ

נשי חיל קאמפיין תשפ״ו